



שנתון ארגוני הלובלינאים בישראל ובחו"ל ✶ יערלעכע אויסגאַבע פון די לובלינער אין ישראל און אין די תפוצות

מס' 16 ● חשון תשמ"ב ● תל-אביב ● נאָוועמבער 1981 ● נומער 16


# בסימן של חידושים

### ההנצחה תימשך

יש חדשות בשטח הנצחת יהדות לובלין. הודות לכספי ירושה של בן־עירנו בלוס־אנג'לס, חיים בס ז"ל, החלטנו להקציב סכום ניכר לייסוד קרן מלגות לתלמידי שני בתי־הספר שאימצו את קהילת לובלין: בי"ס תיכון ע"ש ליאו בק בחיפה וחטיבת־ביניים „עלומים" ברמת־השרון. ועד ארגון יוצאי לובלין בישראל מנהל כעת מו"מ עם הנהלות בתי־הספר הנ"ל. המטרה היא: לחלק פעם בשנה מלגות ע"ש קדושי לובלין מקרן ע"ש משפחת בס לתלמידים מוכשרים ונזקקים כאחד. טקס חלוקת המלגות יתקיים במעמד התלמידים, הוריהם, מוריהם ויוצאי לובלין. אנו מקווים, שבשנת 1982 נקיים את החלוקה הראשונה של המלגות — ובדרך זו ניתן המשך ורציפות לאזכרה והנצחה של קדושי עירנו.

כ"כ אנו מטפלים בהקמת קרן להנצחת זכרה של בלה דובז'ינסקה ז"ל, לפי יוזמתו של בנה, בן־עירנו, ד"ר נתן בן־טובים מרמת־גן. (ראה הודעה מיוחדת בנדון, בעמ' 6).

### ב־3 שפות

אם בנושא הנצחה עסקינן, הרי הופעתו הסדירה של „קול לובלין" במשך 15 שנה ברציפות, מוכיחה שברשות יוצאי לובלין מכשיר מכובד ובעל־ערך, הממשיך במסורת בעתונות היהודית בלובלין מלפני המלחמה, כגון „לובלינר טוגבלט", „לובלינר שטימה" ואחרים. „קול לובלין" מביא לביטוי את העבר היהודי בעיר, ימי הגבורה והכליון ופעולות ה„לנדס־מנשפטים" שלנו בארץ ובחוץ־לארץ.

הפעם הוכנסו כמה שינויים: תוספת בשפה האנג־לית, כדי שהבנים והנכדים של יוצאי עירנו ימצאו עניין בעברה של לובלין, בה עמד בית סבא או בית אבא; להגיע לשורשים ולקבל עידוד כדי לתרום מפרי־עטם לעתוננו.

ובכן, החל מחוברת זו (מס' 16), „קול לובלין" יופיע ב־3 שפות: עברית, יידיש ואנגלית. אם בני־עירנו בצרפת יצליחו לשכנע את צאצאיהם לכתוב בשבילנו גם בשפתם של באַלזאַק והוגו — תבוא עליהם הברכה. נפרסם ב„קול לובלין" גם מאמרים בצרפתית.

### מאזן חיובי — ופניה לתרומות

ועוד חידוש: הפעם אנו מפרסמים מאזן מלא על מצבנו הכספי. עיניכם רואות, שהקופה לא ריקה. בתקופת כהונתו של הוועד הנוכחי במשך 15 שנה, הצלחנו „לעשות משהו" ובלי גרעונות. הודות לפעי־לות מתוכננת, הבטחנו הופעתו הסדירה של „קול לובלין"; יצאו לאור שני ספרי־יזכור בעברית וביידיש;

---

בגליון זה משתתפים (לפי א"ב): ● אין דעם נומער באַטייליקן זיך (לויטן א"ב):

● יוסף אַכטמאַן ● משה זאַלצמאַן ● ש. י. סטופניצקי
● משה אייזענבערג ז"ל ● א. זאַמדער ● גיטעלע עדעלשטיין
● יעקב גלאַטשטיין ז"ל ● בנימין לובעלסקי ● דוד שטאָקפיש
● צפורה דסקל-וויסעלפיש ● קאָפל מיזשעריצקי ● ישעיהו שפיגל
● ח. בוהק ● רבקה נחשון (קאפע) ז"ל ● שמואל שפיראָ א"א

teatrnn.pl

הקימונו אנדרטה בנחלת־יצחק לזכר קדושי לובלין ומיידאנק; 2 בתי־ספר בישראל אימצו את קהילת לובלין ותלמידי התיכון בחיפה פירסמו חוברת מיוחדת על לובלין; רכשנו „חדר לובלין" ברחוב דיזנגוף בתל־אביב, שממלא תפקיד ארכיוני ופונקציונלי; נמצאים ברשותנו 160 שיקופיות על לובלין היהודית; העזרה למשפחות נזקקות (שבשנים האחרונות דואג להן בן־עירנו משה קורן); עזרה לסופרים בהוצאת ספריהם, ובמיוחד — לאוחזי־עט מבני־לובלין; האזכרה השנתית, המיפגש ביום העצמאות, קבלות־פנים לאורחים מחו"ל, מסיבות־חג — כל זה עוד לא משקף את ההיקף המלא של הפעילות העניפה וה־מתמדת.

וברצוננו להמשיך, בתקווה ובאמונה, שבני לובלין בישראל ובתפוצות ישתתפו, ברוח ובחומר, ויטו שכם לכל המשימות האלה.

המאזן הוא חיובי — ודווקא משום־כך אנו מבקשים עוד תרומות ויתר שיתוף־פעולה.

תודה!

**ד. ש.**

# אונטערן צייכן פון באניונג

### די פֿאַרייביקונג גייט ווייטער אָן

פֿאַראַן נייעס אויפֿן געביט פֿון פֿאַרייביקן די יידן פֿון לובלין. אַ דאַנק די ירושה־געלטער פֿון אונדזער פֿאַרשטאָרבענעם לאַנדסמאַן אין לאָס־אַנזשעלעס, חיים בעס ז"ל, האָבן מיר באַשטימט אַ באַדייטנדיקע סומע פֿאַר אַ סטיפּענדיע־פֿאָנד פֿאַר שילערס פֿון צוויי שולן, וואָס האָבן אַדאָפּטירט די לובלינער קהילה: די גימנאַזיע א.נ. פֿון לעאָ בעק אין חיפה און די פֿאָלקס־שול „עלומים" אין רמת־השרון. אונדזער קאָמיטעט פֿירט איצט פֿאַרהאַנדלונגען מיט די דירעקציעס פֿון די דערמאָנטע שולן. דער ציל איז: איינמאָל אין יאָר פֿאַרטיילן סטיפּענדיעס א.נ. פֿון די קדושים פֿון לובלין, פֿונעם פֿאָנד פֿון דער משפּחה בעס, פֿאַר פֿעיקע און נויטבאַדערפֿטיקע תלמידים. די פֿייערונג פֿון פֿאַרטיילן די סטיפּענדיעס וועט פֿאָרקומען מיטן אָנטייל פֿון די שילערס, זייערע עלטערן, לערערס און יידן פֿון לובלין. מיר האָפֿן, אַז אין יאָר 1982 וועלן מיר אַדורכפֿירן די ערשטע פֿאַרטיילונג און אַזוי געבן אַ המשך און פֿאָלגלעכקייט די אזכרה־אַקטן און אַנדערע פֿאָרמען פֿון פֿאַרייביקונג.

גלייכצייטיק באַהאַנדלען מיר דעם ענין פֿון אַ פֿאָנד אויף צו פֿאַרייביקן דעם אָנדענק פֿון בעלאַ דאָזשינסקאַ ז"ל, לויט דער איניציאַטיוו פֿון איר זון, אונדזער בן־עיר ד"ר נתן בן־טובים פֿון רמת־גן. (זע די ספּעציעלע מעלדונג וועגן דעם אויף ז' 6).

### אין 3 שפּראַכן

אַז מיר באַשעפֿטיקן זיך מיט דער טעמע פֿאַרייביקונג, איז דאָס דערשיינען אין משך פֿון 15 יאָר, אָן איבעררייס, פֿון „קול לובלין" אַ באַווייז, אַז אונדזערע לאַנדסלייט פֿאַרמאָגן אַ בכבודיקע, ווערטפֿולע טריבונע, וועלכע זעצט פֿאָר די טראַדיציע פֿון דער יידישער פּרעסע אין לובלין פֿאַר דער מלחמה, ווי דער „לובלינער טאָגבלאַט", „לובלינער שטימע" און אַנדערע. „קול לובלין" דערציילט וועגן יידישער פֿאַרגאַנגענהייט אין שטאָט, פֿון די טעג פֿון גבורה און אומקום, ווי אויך פֿון דער טעטיקייט פֿון אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפֿטן אין ישראל און אין די תפֿוצות.

דאָסמאָל האָבן מיר איינגעפֿירט איניקע ענדערונגען: עטלעכע זייטלעך אין ענגליש, כדי אונדזערע קינדער און אייניקלעך פֿון לובלינער יידן, זאָלן געפֿונען אינטערעס אין דער געשיכטע פֿון דער שטאָט, ווו ס'איז געווען די היים פֿון זייערע זיידעס און טאַטעס; דערגיין צו די וואָרצלען און באַקומען דערמוטיקונג צו שרייבן פֿאַר אונדזער אויסגאַבע.

אַלזאָ, אָנהייבנדיק פֿון דעם איצטיקן נומער (16), וועט „קול לובלין" דערשיינען אין 3 שפּראַכן: עברית, יידיש און ענגליש. אויב אונדזערע לאַנדסלייט אין פֿראַנקרייך וועט געלונגען איבערצוצייגן זייער צווייטן און דריטן דור צו שרייבן פֿאַר אונדז אין דער שפּראַך פֿון באַלזאַק און הוגאָ — זאָל אויף זיי קומען אַ ברכה. וועלן מיר אין „קול לובלין" איינפֿירן אויך אַן אָפּטיילונג אין פֿראַנצויזיש.

### אַ גינסטיקער בילאַנס — און אַפּעל צו באַשטייערן זיך

נאָך אַ נייעס: מיר פֿאַרעפֿנטלעכן דאָסמאָל אַ פֿולן קאַסע־באַריכט. ווי איר זעט, איז אונדזער קאַסע נישט ליידיק. במשך דער 15־יאָריקער קאַדענץ פֿון איצטיקן קאָמיטעט, האָבן מיר באַוויזן „עפּעס־וואָס אויפֿצוטאָן", און אָן דעפֿיציטן. אַ דאַנק דער פּלאַנירטער טעטיקייט, האָבן מיר פֿאַרזיכערט דאָס רעגולערע דערשיינען פֿון „קול לובלין"; ס'זענען דערשינען 2 יזכור־ביכער וועגן לובלין, אין עברית און יידיש; ס'איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אין נחלת־יצחק אַ מצבה לזכר די קדושים פֿון לובלין און מיידאַנעק; 2 שולן אין ישראל האָבן אַדאָפּטירט די לובלינער יידישע קהילה; אין תל־אביב, אויף דיזענגאָף־גאַס איז איינגעאָרדנט אַ „לובלינער ווינקל"; יעדן ערב פּסח און ערב ראש־השנה, ווי אויך אינמיטן יאָר, ווערט פֿאַרטיילט שטיצע נויטבאַדערפֿטיקע לובלינער משפּחות (אין די לעצטע יאָרן זאָרגט פֿאַר זיי אונדזער בן־עיר משה קאָרן); מיר העלפֿן ישראלדיקע שרייבער, און באַזונדערס לובלינער יידן, אַרויסגעבן זייערע ביכער; מיר האָבן צוגעגרייט 160 ליכט־בילדער פֿון דער יידישער לובלין; פֿירן אַדורך די יערלעכע אזכרות, צוזאַמענטרעפֿן אין יום העצמאות, אויפֿנאַמען פֿאַר געסט פֿון אויסלאַנד, יום־טוב מסיבות. דאָס אַלץ גיט נאָך נישט איבער דעם גאַנצן פֿאַרנעם פֿון דער פֿאַרצווייגטער, אומאויפֿהערלעכער טעטיקייט.

מיר האָבן בדעה ווייטער אָנצוגיין מיט דער אַרבעט, מיטן גלויבן און האָפֿענונג, אַז לובלינער יידן אין ישראל און אין די תפֿוצות וועלן זיך מיטבאַטייליקן, מאָראַליש און מאַטעריעל, און צולייגן אַ האַנט צו די אַלע אויפֿגאַבן.

דער בילאַנס איז אַ פּאָזיטיווער — און טאַקע דערפֿאַר ווילן מיר נאָך באַשטייערונגען און מערער צוזאַמענאַרבעט.

אַ דאַנק!

**ד. ש.**

---

# ערב התיחדות
# עם קדושי לובלין

ביום השנה ה־39 לחיסול הגיטו
על־ידי הרוצחים הגרמניים

יתקיים ביום ד' כ"ז חשון תשמ"ב (25.11.81), בשעה 7 בערב, בבית המלין, תל־אביב, וייצמן 30.

**האולם יהיה פתוח משעה 6 בערב.**

בתוכנית:

הדלקת 6 הנרות — **ניצולי השואה.**

**יזכור** — תלמידי ביה"ס שאימץ את קהילת לובלין.

„אל מלא רחמים" ו„קדיש" — החזן **יעקב סאמק.**

לזכר הנפטרים — **מתתיהו הורן.**

הפסקה.

דמויות מלובלין היהודית — **בנימין לובלסקי.**

המנחה — **דוד שטאָקפיש.**

# לובלין - עיר ואם בישראל

**(סקירה היסטורית, לפי המחשב ב„בית התפוצות" ע"ש נחום גולדמן בתל־אביב)**

לובלין — עיר במזרח־פולין; בשנים 1795—1815 בשלטון אוסטרי. מאז ועד 1918 ברוסיה הצארית.

העיר הייתה אסורה ליהודים עד 1336, כאשר התיר להם המלך קאז'ימייז' ה־3 להתיישב על החולות בקירבת העיר. מוכס עשיר בשם יוסף (יוסקו) שיינוביץ בנה לו בית בלובלין ב־1500 וכעבור עשרות שנים התיר זיגמונט ה־1 לייסד יישוב יהודי ליד מצודת העיר. ב־1602 ישבו בלובלין 2,000 יהודים ומספרם לא השתנה עד מחצית המאה ה־18. ב־1787 מנתה הקהילה כ־4,320 נפש. שררה מתיחות בלתי־פוסקת בינה לבין האוכלוסיה הכללית, נוכח מאבקם של היהודים על הזכות לגור בין החומות; בלית ברירה ישבו בשכירות מופרזת בבתים של כמרים או של בעלי־אחוזות, שהיו מחוץ לתחום שיפוטה של מועצת העיר. הם בלטו בירידים המפורסמים של לובלין ובמסחר המקומי והיו ביניהם בעלי־מלאכה שונים — חייטים, פרוונים, אופים, מייצרי מברשות ובירה — על אפם ועל חמתם של מתחריהם הנוצרים; גילדה משותפת לחייטים הוקמה רק ב־1805.

ב־1780 ציווה סטאניסלאב פוניאַטובסקי לגרש את היהודים מלובלין; הגירוש נידחה ל־1795, ועד 1862 היה קיים איסור רשמי על ישיבת יהודים בעיר. שנאת ישראל הייתה גוברת בימים שהיו נערכים בבית־הדין הפולני הגבוה משפטים של עלילת־דם; אם יהודי נידון למיתה, היו מוציאים אותו להורג בשבת מול בית־הכנסת של המהרש"ל, במעמד נכבדי העדה; לא אחת התלוותה לכך התנפלות על הרובע היהודי. בימי חמלניצקי סבלו יהודי לובלין עם שאר יהודי פולין וליטא, ובמחצית השנייה של המאה ה־18 שוב באה תקופה קשה ליהודים עם התפוררות מלכות פולין.

חרף כל התלאות, כבשה לה קהילת לובלין מקום מרכזי בין קהילות פולין, בזכות הישיבה הגדולה והירידים המקומיים. עם רבניה נמנו אז: יעקב בן יוסף פולאק, שלום שכנא בר' יוסף, שלמה בן יחיאל לוריא (המרש"ל), מרדכי בן אברהם יפה ומאיר בן גדליא לוריא („המהר"ם מלובלין"). בית־הכנסת המבוצר של המהרש"ל, המפורסם מכל בתי־הכנסת בעיר, הוקם ב־1567; הוא נהרס בדליקה ב־1655 ושוקם מחדש. היו בעיר גם רופאים ידועים, וחיים ויטאליס, שהוסמך בפאדובה (ב־1658), היה רופאו של מלך פולין.

במאה ה־19 הייתה לובלין מרכז מסחרי חשוב; משנפתחו לפניה שווקים נרחבים ברוסיה, הרחיבו היהודים את המסחר הסיטוני ופיתחו מפעלי תעשיה. אחד מבתי־החרושת הגדולים לסיגריות נוסד על־ידי יהודי ב־1860; 95% מתעשיית העורות הייתה בידי היהודים. קמו איגודים מקצועיים, נוצר ה„בונד". מקרוב ל־3,000 ב־1806 גדלה הקהילה ל־10,415 ב־1862, שנת ביטול האיסור הרשמי על ישיבת יהודים בעיר. ב־1897 מנתה 23,586 נפש.

החסידות תפסה מקום חשוב בחיי הקהילה, בזכות הצדיקים ר' יעקב יצחק, „החוזה מלובלין", ושושלת הרבנים אייגר, מאמצע המאה ה־19. גם מתנגדים מובהקים ישבו על כס הרבנות בלובלין, דוגמת ר' עזריאל הורוביץ ור' יהושע העשל אשכנזי, שניהל את המאבק נגד החסידות ביד רמה, בלי להתחשב בדעת אנשי המקום. במאה ה־19 נתרופפה השפעתה של לובלין, עם ביטול ועדי הארצות והשתלטות החסידות. במחצית השנייה של המאה נוסדו בתי־הספר הראשונים ליהודים עם רוסית ופולנית כשפת־הוראה, וב־1897 נפתח בית־הספר העברי הראשון. עד לשנות העשרים של המאה הנוכחית פעלו בלובלין קרוב ל־400 שנה בתי־דפוס עבריים שהוציאו לאור ספרי־קודש לרוב, ביניהם התלמוד והזוהר.

בפולין העצמאית ירד שיעור היהודים באוכלוסיה ל־35% בערך (לעומת 51% בסוף המאה ה־19), אך לא חלו שינויים משמעותיים במיבנה הכלכלי והחברתי של הקהילה. בשנות השלושים מנתה פחות מ־40,000 נפש. רבים עבדו בעיבוד עורות; ב־1939 היה שייך ליהודי בית־החרושת הגדול ביותר בעיר בענף זה ומחצית הפועלים בו היו יהודים. האיגוד המקצועי היהודי בענף מנה יותר מ־500 חבר. כשאר יהודי פולין, סבלו יהודי לובלין מן המדיניות האנטישמית בין שתי מלחמות־העולם. בשנות השלושים היו גם התקפות אלימות מצד תלמידי האוניברסיטה הקאתולית בעיר, בהשפעת הרקטור והעיתון הפולני היומי „גלוס לובלסקי" בעיר. עם זאת התנהלו בלובלין חיי תרבות וחברה ערים. האיגודים המקצועיים התמקדו סביב ה„בונד" ו„פועלי־ציון שמאל", ובמעמד הבינוני פעלו „אגודת־ישראל" ומפלגת הפולקיסטים, שתיהן אנטי־ציוניות. המפלגות הציוניות ניהלו פעולה מסועפת. בתחום החינוך הדתי פעלו — ה„חדר" המסורתי, „בית־יעקב" לבנות ובית־ספר „יבנה". מבית־הספר „תרבות" יצאו הבוגרים הראשונים ב־1933; הפעולה התרבותית כללה להקות דראמטיות, ספריות, תזמורות וארגון ספורט. הופיע עיתון יומי, בשם „לובלינער טאָגבלאַט". את „ישיבת חכמי לובלין" המפורסמת הקים ר' מאיר שפירא, שכיהן במקום בשנים 1925—1933; אחרי

פטירתו לא נתמנה רב בלובלין ואת מקומו תפס בית־דין של שלושה.

ב־1939 ישבו בלובלין כ־38,000 יהודים. הגרמנים כבשו את העיר ב־18 בספטמבר 1939 ומיד החלו הפינויים מן הדירות, התקיפות ועבודות־הכפייה. זמן־מה חשבו הגרמנים להפוך את מחוז לובלין לשמורה יהודית ולרכז בתוכה מגורשים משטחי הכיבוש בפולין ומן הרייך עצמו. בסוף 1939 הובאו למקום כ־5,000 פליטים ובפברואר 1940 נוספו עליהם עוד 1,300 יהודים משטטין (קבוצה זאת לא נשארה בלובלין). באפריל 1940 נגנזה תכנית השמורה ולובלין נעשתה כעבור זמן אחד ממרכזי ההשמדה ההמונית. זמן־מה פעל בעיר אודילו גלובוצ'ניק, מפקד המשטרה ופלוגות הס.ד., מי שניצח בשעתו על „מיבצע ריינהארדט". ב־25 בינואר 1940 נתמנה ה„יודנראט" בן 24 חבר, בהרכב דומה לוועד הקהילה שפוזר ובראשות המהנדס הנריק בקר. האיש הבולט ב„יודנראט" היה סגן היושב־ראש מארק אלטן, שהחליף את בקר ב־31 במארס 1942, כאשר מספר חבריו הועמד על 12. בראשית פעולתו לא הסתפק ה„יודנראט" בביצוע פקודות הגרמנים (למשל, בגיוס לעבודות־כפייה), אלא יזם פעולות להקלת המצב. הוקמו בתי־תמחוי לעניים ולפליטים, הונהגו סדרי תברואה והוקמו בתי־חולים עם יותר מ־500 מיטות ושטח־הסגר עם 300 מיטות. נוסדו מעונות בשביל ילדים עזובים, ורק את מערכת החינוך לא הצליח ה„יודנראט" לשקם והלימודים התנהלו במחתרת.

במארס 1941 גורשו כ־10,000 לכפרים ולעיירות הסביבה ובסוף החודש נפתח הגיטו ל־34,000 היהו־דים בעיר; יהודי לובלין היו בין ראשוני הקרבנות של מסע ההשמדה. הגירוש התחיל ב־16 במארס 1942, בשיעור של 1,500 ליום; 30,000 יהודים נשלחו למוות בבלז'ץ, 4,000 נלקחו במיידאן טאטארסקי — מקום שישבו חודשים מספר בתנאים איומים. ב־2 בספטמבר נרצחו 2,000, ובסוף אוקטובר עוד 1,800. כ־200 נשלחו למאידאנק. בעלי־מקצוע מעטים עדיין הועסקו בלובלין, אך במאי 1943 נסגרו בית־המלאכה והיהודים נשלחו למאידאנק. עוד 300 הוחזקו במבצר („זאמק") והועסקו בבתי־המלאכה המעטים, שנשארו שם עד יולי 1944; גם הם הומתו ימים אחדים לפני הנסיגה מלובלין. סמוך לעיר היה גם מחנה לשבויי־מלחמה יהודיים מן הצבא הפולני ברחוב ליפובה 7 (במגרש ספורט). הראשונים הגיעו בפברואר 1940. תושבי הגנראל־גוברנמאן שוחררו, ואילו כ־3,000 שבויים שמוצאם היה משטחי הכיבוש הסובייטי או מן השטחים שסופחו לרייך, נשארו במעצר. ה„יודנ־ראט" השתדל לסייע לשבויים ונעשו גם נסיונות לספק להם מיסמכים מזוייפים, כדי לאפשר להם לצאת מן המחנה. עם השלמת מסע ההשמדה, היו נסיונות בריחה והגרמנים הגיבו בעונשים קיבוציים. היו מן השבויים, שהצליחו להצטרף לפארטיזאנים והגיעו לעמדות פיקוד. בתחילת נובמבר 1943 נשלחה למאי־דאנק קבוצת השבויים האחרונה.

הצבא האדום שיחרר את לובלין ב־24 ביולי 1944; למחרת היום נכנסו לעיר צבא פולני סדיר ויחידות גרילה, וביניהן יחידה יהודית בפיקוד הסרן יחיאל גרינשפאן. לובלין הייתה לבירה זמנית של פולין, עד לשחרור וארשה בינואר 1945. בלובלין פעלו אז מוסדות יהודיים לתרבות וסעד, ביניהם הוועד המרכזי ליהודי פולין. אלפי יהודים, רובם פליטים מרוסיה, התיישבו בלובלין, אך עזבו את העיר בשנים 1946—1950, מחמת האנטישמיות באוכ־לוסיה הפולנית. ב־1968 יצאו אחרוני היהודים מלובלין.

## איך לחיות עם השואה / צפורה דסקל־וייסלפיש

**איך לחיות עם השואה —**
**והשמש זורחת?**
**איך לחיות עם השואה —**
**ושמי תכלת מעל?**
**כאן — ירוק העץ,**
**הפרח צחור,**
**עולמם —**
**חשך משחור:**
**אימה סביב**
**השמים שחורים,**
**התפער פיה אדמה**
**ותבלעם חיים?**
**לא פורענות הטבע**
**לא פיצוץ אדירים,**
**רק רשע האדם**

**באלה ממדים?**
**מול אלה עומדים**
**מורעבים, מעונים —**
**יצורי אנוש**
**כל זכות נישולים.**
**איך לחיות עם השואה —**
**והחיים דוחקים?**
**מול יפי היקום**
**ולהבות כיבשנים?**

*****

**הם עמי צועדים**
**זעקתם — דממה,**
**כאבן לוחצת**
**מענה הנשמה.**

**שם — האם והאב,**
**אחיות והאח;**
**שם — שורפים עם,**
**ועמו — הטף.**
**היתכן, יתכן?**
**אני שואלת ומקשה.**
**וטופחת על פני**
**האמת המרה.**

*****

**לחיות עם השואה,**
**ולזכרם הקדוש,**
**לבנות ארצנו,**
**כנחמה יחידה.**

# מאידאנק — לאחר 40 שנה

ח. בוהק / שטוקהולם

שיכוניה החדשים של העיר לובלין נושקים את גדרות־התיל של מחנה מאידאנק. אוטובוס עירוני רגיל מסיע את הנוסעים ממרכז העיר למחנה. שלא כמו אושוויץ, המרוחקת מקראקוב, מאידאנק היתה גם בשנים 1940—1944 מחנה המצוי לצדה של עיר גדולה, ואפילו עשו הנאצים נסיונות להסוות את הנעשה במחנה, הרי קשה היה להעלים את ר י ח שרי־פת הגופות.

ביקור במחנה השמור היטב מאז שוחרר על־ידי הצבא הסובייטי ב־22 ביולי 1944, הוא בגדר חוויה מזעזעת גם לאחר ביקור באושוויץ־בירקנאו. בניגוד לארבע „מקלחות" הגאזים והמשרפות הגדולות של מחנה בירקנאו (**אושוויץ לא** היה אלא מחנה ריכוז, מחנה המוות הוא המחנה המצוי בביר־קנאו) שנהרסו כליל ונותרו כיום רק כ„בורות" בתוכם מוט־לים, מכוסי אפר ועשבי בר, חורבות המבנה ההולך ומתפורר — הרי במאידאנק, מחנה ההשמדה השני בגודלו בפולין, מוצג לפני המבקר במלוא המוחשות תהליך ההשמדה, ואף התפת־חות הרעיון של בניית מיתקן להשמדה.

מיד בכניסה הראשית מצוי צריף עץ שאינו מותיר לכאו־רה כל רושם, אך בהתאם לשיטת ההסוואה הגרמנית כוסה מבנה הבטון לוחות עץ. עדיין שמור השלט הגרמני משנות ה־40: „בית רחיצה וחיטוי".

הקורבנות הוכנסו לאולם הראשון שבו נגזז השיער, משם הועברו למקלחת של ממש שבה נשטפו במים לאחר גזיזת השיער, ורק לאחר שהיו משוכנעים כי הם בחדר רחצה וחיטוי הוכנסו לחדר המוות — הוא חדר הגזים. בראשית שנות הפעלת המחנה (1941) עדיין לא נוסה גז הציקלון וההשמדה בוצעה על־ידי הזרמת גז דו־תחמוצת הפחמן מתוך בלון גדול. איש הס"ס עמד בחדר צדדי ופתח את ברזי הגז. כ־70 איש יכלו להידחס לחדר אטום זה, הסגור בדלת ברזל. מבעד אשנב יכול היה לראות במשך 40 דקות את יסורי הגסיסה.

## חמשה תנורים

זה היה השלב הראשון. בקצהו האחר של המחנה מצוי הקומפלקס המושלם, פרי הנסיון שנרכש, ובו חמישה תנורים לשריפת הגופות. באחד החדרים הצדדיים — קיטון ובו אמב־טיה לשימושו של ראש צוות שורפי הגופות.

שלטונות פולין לא טישטשו את זהותם היהודית של קור־בנות המחנה. מאות מסמכים בשפה הגרמנית מציינים את הזהות היהודית. מיסמך מאביב 1942 מדווח בלשון יבשה, כי „מטען" בן 1001 יהודים המלווה ב־20 אנשי ס"ס הגיע לתחנת הרכבת בשעה 6.52 ועזב את התחנה ב־8.00. סדר צריך להיות!

אחד המוצגים המזעזעים במחנה הוא אוסף של 800,000 זוגות נעליים. נעלי ילדים, נשים, גברים, נעליים בלויות ש־נאספו וטרם שוגרו לעיבוד לגרמניה. עדות אילמת לגורלם של ילדים הן נעליים קטנות, אשר מספרן מתחת ל־30, ערימות ערימות...



צריף המוות במיידאנק ● דער „טויטן־באַראַק" אין מיידאַנעק

## לשמוע את חיותה דביר במאידנק

**שלא כמו אושוויץ, המצוי אי־שם בשדות במקום ללא שם — „פלאנטה אחרת" — מחנה מאידאנק נבנה סמוך־סמוך אל תחומה של העיר לובלין. לא היה אפילו נסיון להסתירו מעיני תושבי העיר.**

יום קיץ חם. משום־מה החלטתי שלא להעדיף את הרכבת המהירה העוזבת את וארשה בשעה 6.18 בבוקר ללובלין, אלא בחרתי ברכבת היוצאת בשעה מאוחרת יותר, רכבת מאסף העוצרת בכל תחנה נידחת. הדרך מווארשה ללובלין ארכה יותר משש שעות. לעתים עצר הקטר, איש לא ידע מדוע, הרכבת סטתה למסילה צדדית והמתינה. רכבת ארוכה, מעל ל־30 קרונות. הדוחק בקרונות ללא נשוא. האנשים עומדים במעברים הצרים ואני נדחק אל החלון כדי לספוג את משב הרוח כאשר הרכבת נוסעת. אך בחנייה — החום מלהיט את הקרון כתנור. באחת השהיות, שאיש אינו יודע מה סיבתן, אני רואה, ממש מול חלוני, מסילה צדדית, שחדלה זה שנים לשמש למעבר רכבות. עשבים צמחו מעל הפסים. במסילה זו חונים קרונות־משא נושנים, קרונות־עץ, החלונות בהם נופצו, הדלתות הוסרו והקורות עצמם מתפוררים. אני מנסה להבחין בסימנים שיעידו על שנת הייצור ואני יודע מה אני מחפש: סימן או עדות כי קרונות אלו היו בשימוש בימי המלחמה. כאן, על מסילה זו המוליכה ללובלין, עברו הרכבות שהסיעו את ה„משלוחים" למאידאנק. ממול — על המסילה ניצבים הקרונות הנושנים דוממים. האם אלו הקרונות שבהם הובלו יהודים מווארשה למאידאנק?

לובלין. אני זוכר ידיעה בעתון „דבר" משנת 1941, כי בלובלין יוקם אזור יהודי־אוטונומי. לובלין היתה אז משהו ערטילאי, שם מן הספרות. כאן, ביום קיץ זה, היתה לובלין לגבי, לראשונה, למשהו שחדל להיות ערטילאי, והפך לממשי.

שורת הצריפים של מחנה מאידאנק. משום־מה נראה לי הכל בתחילה כאילו היתה זו תפאורה שהקימה חברת סרטים הוליבודית. גדרות התיל, צריף המשמר, ה„בלוקים" — הכל נראה לי כאילו היתה זו תפאורה של בימאי שטרח להכין רקע לסרט על ימי השואה. הרי לא יתכן כי צריף עלוב־מראה זה המצוי לימינו של מגדל־השמירה היה חדר ההשמדה!

←

בחוץ עדיין שמור השלט המקורי משנת 1941, בכתב גותי: „בית מרחץ וחיטוי". עתה פתוח המקום למבקרים, שוב אין דוחקים בך למהר — למהר. חדר ראשון — בו גזזו את השיער, לאחריו — המקלחת. מקלחת של ממש. עשרות מזלפים בתקרה, ואיזו דאגה למתקלחים: על הרצפה מסלול עשוי לוחות עץ, לבל ירטיבו המתקלחים את רגליהם! מסלול העץ גבוה כ־10 ס"מ מעל לרצפת הביטון. המסלול הוליך מן המקלחת אל חדר ה„חיטוי", עד לרגע האחרון הונו את הקורבנות! וכאן היה סוף הדרך. מחדר החיטוי הוצאו הגופות לשריפה.

מחנה מאידאנק מחולק לאיזור השרותים, אשר הפך כיום למוזיאון, ולאיזור ה„בלוקים". שורה ארוכה של צריפים ובהם עדויות אילמות, תעודות ומסמכים מצולמים. דייקנות בדיווח. עוד נמסר, כי 20 אנשי ס"ס הופקדו על שמירת ה„טראנספורט". חישוב מהיר: 1 לכל 50. האם יכלו להתקומם? האם ידעו להיכן הם מובלים? האם היו אלו נשים וילדים?

*

אני ממהר לצאת מתוך הצריף. מתוך תרמיל־צד אני שולף את מכשיר הרדיו שאיני נפרד ממנו ומחפש לשמוע את קולה של ישראל. קשה לקלוט את השידור. במרבית הגלים שולט שלטון גמור קולו של רדיו מוסקבה. אפילו את תחנות הרדיו של מערב־גרמניה או ה־בי.בי.סי. קשה לאתר. והנה לבסוף צליל הקול המוכר. אני מזהה מיד את קולה של חיותה דביר. כל קריין וקולו. קולו של משה חובב, השין השורקת של ענת שרן, קולה של מרים אַלון. אני מאזין לקול מירושלים. מסופקני אם חיותה דביר הקוראת את החדשות מעלה על דעתה כי ברגע זה נשמע קולה ליד גדרות־התיל של מחנה מאידאנק. יולי 1981. חלפו 40 שנים מאז עלתה כאן בין הגדרות זעקת יהודים בקריאת „שמע" אחרונה.

ואם להמחיש את אשר קרה תוך 40 שנים מאז 1941, הרי זה המרחק בין קריאת „שמע ישראל" אז לבין קולה של חיותה דביר בירושלים, בירת ישראל, ביולי 1981. זהו ההבדל כולו.

## קרן להנצחת זכרה של בלה דובז'ינסקי ז"ל

ועדה מיוחדת (ד"ר נתן בן־טובים, ד"ר אלחנן הורביץ, גב' צשה פישר־טרכטנברג, דוד רובינשטיין, יוסף רחמן ודוד שטוקפיש) מטפלת כעת בכמה הצעות ותוכניות להנצחת שמה של בלה דובז'ינסקה. עם סיכום הבירורים והדיונים, נודיע בקרוב לבני־עירנו על ההחלטות הסופיות.

## פאָנד צו פאַרייביקן דעם אָנדענק פון בעלאַ דאָבזשינסקי ז"ל

אַ ספּעציעלע קאָמיסיע (ד"ר נתן בן־טובים [דאָבזשינסקי], ד"ר אלחנן האָרוויץ, צעשע פישער־טראַכטענבערג, דוד רובינשטיין, יוסף ראַכמאַן און דוד שטאָקפיש) באַשעפטיקט זיך איצט מיט אייניקע פּראָיעקטן צו פאַרייביקן דעם נאָמען פון בעלאַ דאָבזשינסקאַ און נאָכן פאַרענדיקן די ענינים, וועלן מיר וועגן דעם מיטטיילן אונדזערע לאַנדסלייט.

# מרכז לחקר תולדות יהדות פולין

מרכז לחקר תולדות יהדות פולין ומורשתה ע"ש יצחק גרינבוים ז"ל הוקם לאחרונה באוניברסיטת תל אביב ליד המכון לחקר התפוצות ובשתוף עם הפדרציה העולמית של יהודי פולין. מר שמחה ארליך, סגן ראש הממשלה, נאות לשמש כיו"ר הועד המנהל של המרכז.

מטרת המרכז לחקר תולדות יהדות פולין, היא לעודד, לפתח ולהורות את תולדות יהודי פולין מהבטים פוליטיים, חברתיים, תרבותיים ודתיים, ליזום מחקרים הנוגעים ליהודי פולין, לרכז ספריה היסטורית, מסמכים, עיתונים וחומר ארכיוני אחר, להעניק מילגות לסטודנטים וחוקרים העוסקים ביהודי פולין ולעודד קשרים עם מוסדות אקדמאיים לקידום המטרה.

יצחק גרינבים שעל שמו נקרא המרכז, והשנה מלאו 100 שנה להולדתו, היה שר הפנים הראשון של מדינת ישראל ומראשי יהדות פולין. הוא שימש כחבר בסיים הפולני ונאבק לזכויותיהם האזרחיות והלאומיות של יהודי פולין בין שתי מלחמות עולם.

בישיבת הועד המנהל הראשונה של המרכז, הציע מר שמחה ארליך להקים שתי ועדות לטפוח תכנית לקידומו האקדמי ולטפול בבסוסו החומרי. הוא ציין את חשיבותו של המרכז ואמר כי זוהי הזדמנות נאותה להציב יד ושם ליהדות גדולה וחשובה זו.

פרופ' שלמה סימונסון, פרורקטור וראש המכון לחקר התפוצות, ציין את סיפוקו מהקמת המרכז והודיע כי תולדות יהדות פולין ישמשו נושא להוראה ולמחקר במסגרת החוג לתולדות עם ישראל. הוא ציין כי לפני השואה היו בפולין שלושה וחצי מיליון יהודים ועוד שני מיליוני יהודים יוצאי פולין בתפוצות. פרופ' סימונסון שבח את פעילותם הפורה של אנשל רייס, סטפן גרייק, עו"ד קלימנטינובסקי ו־י. אברך שהטו שכם להקמת המרכז.

בראש המרכז עומד ועד מנהל המונה 24 חברים וביניהם שמחה ארליך, עו"ד חיים צדוק (לשעבר שר המשפטים), מר יחיאל בן צבי (סגן נשיא אוניברסיטת תל־אביב לקשרי חוץ), פרופ' שלמה סימונסון (פרו־רקטור וראש המכון לחקר התפוצות), מר אנשל רייס וסטפן גרייק (מראשי הפדרציה העולמית של יהודי פולין), פרופ' דב סדן (מהאוניברסיטה העברית בירושלים), פרופ' משה מישקינסקי, פרופ' מתתיהו מינץ, ד"ר שלמה נצר (מאוניברסיטת תל־אביב), עו"ד י. רוטנשטרייך (נשיא מועצת העיתונות), מר י. אברך (מהמחלקה להשכלה גבוהה בועד הפועל של ההסתדרות) ועו"ד קלימנטינובסקי. תקציב ראשוני של המרכז מתבסס על כספי תרומות ומענקים של ממשלת ישראל, הסוכנות היהודית ותרומות אישים שונים.

ד"ר שלמה נצר, חבר הועד המנהל של המרכז וחוקר במכון לחקר התפוצות, הוציא לאחרונה ספר: „מאבק יהודי פולין על זכויותיהם האזרחיות והלאומיות (1918—1922)" העוסק במכלול הבעיות שעמדו בפני יהודי פולין בתקופה זו, כפי שהן קיבלו ביטוי במאבקם הפוליטי בסיים הפולני ומחוצה לו.

פרסום הספר נעשה בסיוע מענקים של הקתדרה לתולדות יהדות אירופה ע"ש קרן משפחת אברהם ואדיטה שפיגל, קרן הזיכרון למען תרבות יהודית, המחלקה להשכלה גבוהה והוועד הפועל של ההסתדרות הכללית.

„קול לובלין", שנתון ארגון יוצאי לובלין בישראל, תל־אביב, דיזנגוף 158.

המערכת — רעדאַקציע: א. איינשטיין, צ. דסקל־וייסלפיש, ד"ר א. הורוויץ, מ. הורן, ע. פלד, ש. שטוקפיש, מ. שילד־קרויט. העורך: דוד שטוקפיש.

**יעקב גלאַטשטיין ***

# לובלין, מיין הייליקע שטאָט

לובלין, מיין הייליקע יידישע שטאָט, שטאָט פון גרויסן יידישן דלות און פריילעכע יידישע יום־טובים. דיין יידן־גאַס האָט געשמעקט מיט פרישע, ראַזעווע און געבייטלטע ברויט, געזייערטע אוגערקעס, בשמים, הערינג און יידישן בטחון. דעם רבינס בית־המדרש, די מהר״ם־שיל און די מהרש״ל־שיל, די באַלמעלאָכישע שילעכלעך, האָבן געשאָנקען דעם קודש צום חול פון דעם וואָכיקן גרויסהאַנדל, מ׳שטיינסגעזאָגט. די פאַר־מעליקטע טרעגערס, וואָס זענען געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ צווייער, האָבן זיך בינו לבינו אַריינגעכאַפּט אין רבינס בית־המדרש און הנאה געהאַט פון קול יעקב, פון די בחורים מיט די אַטלאַסענע און סאַמעטענע קולעכלעך.

לובלין, מיין הייליקע שטאָט. שטאָט פון אויפגעוואַכטן קלאַסן־קאַמף. דיינע שניידער־יונגען, שוסטער־יונגען, דיינע געזעלן און משרתים, זענען אויפגעשטאַנען איינצופירן יושר, גלייכהייט, ברודערלעכקייט פאַר אַלע „חברים און בירגער״. אַ הייליקער פלאַם האָט זיי געלייטערט די אויגן, ווען זיי זענען מיט שמחה געגאַנגען אין תפיסה און אויפן וועג געזונגען רע־וואָלוציאָנערע לידער.

לובלין, מיין הייליקע שטאָט פון בילדונג־דאָרשטיקע יונ־געלייט און יונגע מיידלעך, פון דעם ערשטן בעז־אַראַמאָט פון יונג־העברעיש און פון דער באַטעמטקייט פון שטאָלצן יידיש, פון חדר מתוקן, הזמיר, פראָפעסיאָנעלע פאַריינען, פון אונדזער געקייטלטער בענקשאַפט קיין אַדעס און קיין וואַרשע, ווו מיר האָבן געציטערט איבער ביאַליק, פרישמאַן, מענדעלי, פרץ, שלום עליכם, רייזן. מיין שטאָט פון פאַרחלומטע מאָלערס, פאָעטן און פידל־שפּילערס.

לובלין, מיין הייליקע שטאָט מיט דעם אַלט־אַלטן און ניי־אַלטן בית־עולם, מיט די אהל׳ס פון גוטע יידן, קברים, וואָס צו זיי טאָר מען נאָענט נישט צוטרעטן, סיידן אין אַ גרויסער צרה, ווייל די ערד ברענט ממש מיט הייליקייט.

הייליקע שטאָט מיינע, דאָס האָסטו אויסגעבעטן די זכיה פאַר זיך, אַז ווען מען וועט ברענען און בראָטן אַנדערהאַלבן מיליאָן יידן, זאָל מען עס טאָן אין שאָטן פון דיינע קנאָפּע טויזנט יאָר יידישקייט. דעם־אָ הייליקן בית־עולם האָסטו גע־וואָלט פאַר זיך, כדי פון אַלע דיינע הייליקע גוטע ערטער, זאָל ווערן איין הייליק גוט־אָרט פאַר איין גרויסן צדיק — דאָס יידישע פאָלק. כ׳ציִ אַרונטער די שיך פון מיינע פיס, ווען כ׳קום צו צום מיידאַנעק־וועלדל. די ערד איז קודש קדשים, ווייל ס׳יידישע פאָלק רוט דאָרט אין שאָטן פון הונדערטער פרומע דורות.

ווער וועט דיך צוריקבויען, מיין הייליקע שטאָט, אַז פאַר־וויסט ביסטו געוואָרן ביז דיינע פונדאַמענטן און ביסט איין מוראדיקע מצבה.

מען שלאָגט שינדלען, מען לייגט דעכער, מען פאַרריכט און מען פאַרניצעוועט אַן אַלטע, פאַסקודנע וועלט. אָבער מיין הייליקע שטאָט, די שטאָט פון מיין וועלט, וועט קיינמאָל נישט צוריק געבויט ווערן...

* צו דער צענטער יאָרצייט נאָך זיין טויט. אַ גרעסערע אָפּ־האַנדלונג פון ישעיהו שפּיגל וועגן יעקב גלאַטשטיין — זע אויף ז׳ 18.

**ישראל עמיאָט**

# אלט־לובלין

לובלין, 1937.

**1**

וואָס איז עס פאָרט אַזוינס וואָס ס׳שמידט צו זיך מיין בליק ?
אוי קויט און קויט און גראַטעס און צעבראָכענער שטיין.
מיין אָרעם פאָלק — דיין עבר וואָס איז פול געוויין,
פלאַצט פון יעדן שטיין אַרויס ווי פון אַ האַלדז דערשטיקט.

געסלעך שמוץ, געשטאַנק און קלעפּיקייט — געגנוג,
געגנוג געזען דעם פיין. איך וויל
דאָ פון די געסלעך אַרויס... נאָר שטיל
רופט אַ קול ווי אַ טויבן־שטים: צ ו ר י ק !

אָ, אַלט־לובלין ! אַנטלויף איך דען פון דיר ? דו יאָגסט מיך נאָך
און אין מיין צימער הער איך נאָך דיין בראָד,
דורות ווייטיק, שאַנד און פיין.

צי קען איך דען אַנטלויפן ? אַז אין מיין בלוט
ברומט דער ניגון דער זעלביקער, דאָס ליד
וואָס פולט דיינע געסלעך אָן מיט אַזאַ פאָרכטיקן געוויין !

**2**

ווי אַן איבערגעקערט אינגעווייד, ראָפּיק שוין אין בראַנד,
ליגסטו געטאָ יידישער, צופיסנס פון לובלין.
„פאָרשטאָט קראָקעווער״ ווייס נישט וואָס מיט דיר צו טון,
איז אַזוי פיל אָרעמקייט נאָך דאָ אין גאַנצן לאַנד ?

ביסטו איינגענייט אויף פלייצע אירער — אַ לאַטע פון דער שאַנד.
וווּנדערלעך, ווי אומעטום גייט אויך דאָ אויף דער באַגין,
נאָר איבער מיר פירן וואָלקנס אייביק אַ שוואַרצן בר־מינן.

מעגסט שוין דורכגיין היינט דעםברייטן יידן־טויער,
נאָר דיר איז ליב נאָך אַלץ דער פאַרשפּאַרטער טרויער,
אַ דערמאָנונג בלייבט ער אייביק, אַ פאַראַכטונג פאַרן פיינט.

אויף יאַטעטשנע גאַס איז אייביק ווי צו נעילה,
דער מהרש״ל־שולס קליינע פענצטער ווי אויגן ביי אַ תפילה
צום הימל אויפגעהויבן בעטנדיק פאַרוויינט.

**3**

סע פירן אַלץ נאָך בוידן אין דער יידן־גאַס, פון לענדער פיר געקומען,
אויף די גאַסן האָבן מיך פרנסים אַזוי טרויעריקלעך עמפּפאַנגען,
און סע גייט דער שמועס וועגן פדיון־שבויים, מען האָט יידן ווו געפאַנגען
און סע גייט דער שמועס איבער גזירות וואָס לויערן און קומען.

ס׳איז אַזש קראַנק מיין קאָפּ. כ׳האָב אַזויפיל צער ערשט דאָ פאַרנומען,
איז עמעץ נאָך אַ באַלבירער אין דער נאָענט געגאַנגען,
משה מונטאַלמו וועט אַ רפואה מיר דערלאַנגען,
ס׳איז פון ווייטיק פאַרטריקנט מיר דער גומען.

אָ, אַלט לובלין ! — ס׳וועלן זיך נאָך יאָרן אַזוי ציען דיינע געשפּענסטער,
און כאָטש ערגעץ זינגט שוין דאָ אַרויס אַ ראַדיאָ פון אַ פענצטער
אַ פלאַכן טאַנגאָ און זשומען איבער דיר אויך עראָפּלאַנען —

וועט אייביק אין דער שקיעה פאַר גענייטן אויער
זיך טראָגן פון אונטער יאָרן־לאַסט ס'געוויין פון דורות טרויער
און יענע טונקעלע שרעק נישט פון דאַנען.

4

אַ פרימאָרגן אין בית־מדרשל פון „חוזה מלובלין".
אַ בעקער שטייט ביים עמוד און יאָגט שנעל־שנעל צו מנין.
בעלי־מלאכות און סוחרימלעך, וואָס יאָגן זיך צו אַ קנין...
ווו לויפסטו, האַרץ מיינס, פון דאַנען — וווהין ?

דיך יאָגט די ווירקלעכקייט, און ס'איז דיר ליבער דער רואין.
פון אונטער חורבות זעסטו אָט די הייליקע געשטאַלטן,
און די ווינקלען דאָ אין איטלעכן זענען זיי באַהאַלטן,
און דאָס ברומען זייערס — ווי אַ טויב אַזוי נאָגנדיק דין.

ס'האָט אָפּגעדאַווונט דאָס געזינדל קרעמערס. זיי זענען שוין פאַרשווונדן
און אַ פלאַם אַזאַ האָט פלוצים העל זיך אָנגעצונדן,
אַזאַ פאָרכטיקע, אַזאַ איבערמענטשלעכע פרייד דאָ, —

דער חוזה מלובלין און די הייליקע חבריא,
און סע גליט דער פלאַם פון די תלמידים די געטרייע,
אָט באַלד הערסטו דאָס קול פון „ייד הקדוש", דיין גרויסן זיידן.

5

ווו איז די זון פאַראַן, איז ערגעץ דאָ אַ שטראַל
פאַר אַלע קעלערן פייכטע, וואָס זענען דאָ פאַרבליבן ?
נאָר דער „כל נדרי" וויינט אַרויס פון „אינטערנאַציאָנאַל".

און סע גייט נאָך אַלץ אַרום געבויגן דער מהרש"ל,
ער האָט נאָר וואָס דעם עולם פון די געסעלעך פאַרטריבן,
ווי דער פסוק זאָגט : „גיי מיין פאָלק אין די שטיבן.
וואַרט ביז דער צאָרן מיידט דעם פיינדס אָנפאַל".

און אַלע גלאָקן קלינגען אויס דעם זעלביקן באַטייט.
פון אַלע עקן שטראָמען פאָרכטיק פרומע לייט —
באַלד וועט אַ יידס גוף זיך קאָרטשען אין די פלאַמען.

הער, הער, דער ווינט אין נאָענטן הויף :
אַן עלית־דם חלילה, אָדער אַ „שילער־געלויף",
אָדער גאָר זיי ביידע צוזאַמען...

6

וואָלאַכן טרויעריקע פון אַלט־יידישע כלי־זמרים,
נאָך נאָגט אין האַרץ ביז געוויין דער טרויעריקער ניגון :
הונדערט יאָרן שוין אַנטשוויגן און דאָך נאָך נישט אַנטשוויגן —
פון יעדן שפּאַלט, פון יעדער וואַנט צו הערן איצטער קלאָר אים.

אַ, פּאָעט פון יענער צייט ! איך גיי אום ביי דיין אָרעם
פון פאַרלאַנגען ווילד געגאָגט, פון ווייטיקן באַזיגן,
נאָר פון די געסלעך — דאָ פירן אונדז די שטיגן
צום ווייטן, אומבאַקאַנטן טורעם.
אָ, ווענען דען דעם צער פאַרטרויען, די ליבשאַפט צו פאַרהיטן ?
ס'זענען אַזוי אומעטיק דיינע שטילענקע פיוטים
און ס'איז פול אין זיי דער דעמער און די שטערן.

אַ האַרץ פאַרליבט־אַנטוישט, אין בלעטער פון סידורים,
פאַרטוישט אויף תחינות־קינות, אָ יסורים
דיכטערישע, באַפייכט מיט תפילהדיקע טרערן — —

7

## מהרש"ל־שול

עס איז אומעטום זיין גייסט פאַראַן פאָרכטיק־פרום בצניעות
און די שטראָפרייד זיינע צום רמ"א פאַר לערנען גאָר חקירה.
„איידער אַזאַ אהבה איז שוין גלייכער דאָך מיראה" —
די זון־ליכט זייט זיך דאָ אַדורך ווי דורך צוגעלענטע וויעס.

איך בין אַליין אַצינד, נאָר אַ געריש ווי אַ וויקלען פון רציעות.
די שכינה האָט געשיידט זיך מיט דער וועלט, זיך אויסגעווײלט איר דירה.
דאָס שאָרכן עס אין דער הייך די ווייסע פליגלען אירע
און זויגט דאָ פון דער שטילקייט טיף איר חיות.
איך וואָלט שווערן : כ'בין געווען שוין ווען מיט הונדערט יאָר צוריק,
ווייל ס'איז אַזוי באַקאַנט מיר אַלץ דער ווייטיקלעכער גליק,
וואָס רוישט ווי אַלטער ווין אין אַן אונטערערדישן קעלטער.

כ'האָב מיט אַלע דורות דאָ געלעבט, וואָס זענען שוין פאַרגאַנגען,
ס'איז אַלץ דאָ אַלט יאָרהונדערטער שוין גאָרנישט צום דערמאָנען,
נאָר מיין זעל איז עלטער, עלטער, עלטער — —

8

אונטן דאָרט וווינט דער בית הקברות־שמש, אַ כאַטקעלע ווי קליין!
און אינעווייניק ליגט אונטער אַ פערענע אָן ציך דער קברות־מאַן קראַנק.
ס'האָט דער בית־הקברות־טויער קיין מת נישט אָנגעקוקט שוין לאַנג
און אַ פרוטה פון אַ גאַסט שוין לאַנגע טעג נישט אָנגעזען,
ליגט ער, הוסט ער. ער האָט אַ „מעבר יבק" אין ספרים־שענקל שטיין.

ער וואָלט די קברים וויזן פאַר אַ קליין געשאַנק,
נאָר מאַך, אַז ס'זענען זיינע פיס שוין בלאָ געשוואָלן קראַנק,
און באַוויז כאָטש מיט אַ נס אויפן באַרג צו גיין.

שיקט ער מיט זיין אייניקל, אַ ייִנגעלע דרייצן יאָר שוין אַלט :
ער ווייס פון מהר"ם, ר' שכנא און מהרש"ל
און אַלע קדושים־קברים — אַ פירער אין דער נויט !

ער ווייס אויך די „פרנסים־שורה" קלאָר און פלינק צו ווייזן
און געדענקט דעם זיידנס אַלע דאַטע־גרייזן —
„ר' ייד, גיט אויף אַ שטיקל ברויט !"

9

## אַלטער בית־החיים

אָ, דורות פיין אין באַרג פאַרקוועטשט — אַ שפּיציקער געשוויר,
פון בלוט און אייטער האַרט, אַלט בית־עלמין אין לובלין !
ס'לייגט דער פרילינג פלאַסטערלעך, גרעזעלעך פון גרין
נאָר דער געשוויר ווערט האַרטער נאָך — אָט זיצט ער שוין ביי מיר.

בין איך ווילד פון ווײ, פאַרבלאָנדזשע איך צו אַ טיר,
אַפּטייק. די אַפּטייקערין אין ווייסן אָנגעטאָן,
שמינקט די ליפּן און ברומט אַ וואַלס פון ווין.
„ס'וועט פּאָגאָדע זיין ?" — אַ ראַנדעווו ביי איר !

— אַוודאי גאַסט אַ טוריסט. האָב איך וואָס געזען ?
דאָס הויז פון ווינצענטי פּאָל וואָס שטייט שוין דאָ זייט ווען,
דעם „טויער קראָקעווער" פון גאָר אַ ווייטן דור ?

פון יאָרהונדערטער אַ שטאָט ! נאָר ס'איז פרילינג אין לובלין.
די אַפּטייקערין ברומט אַ וואַלץ פון ווין
און גלייכט אין שפּיגעלע זיך די בלאָנדע האָר — —

# דער העלד פון מיידאַנעק

גבית־עדות פון מאַרקושאָווער ייד גדליהו גלאַזשניידער — אויפגענומען און פאַרצייכנט פון רבקה נחשון (קאַפע).

ווי אַ געבוירענער און דערצויגענער אין מאַרקושאָוו, פיל איך פאַר מיין הייליקן חוב איבערגעבן וועגן אַן אמתער פאַסירונג אינעם לובלינער טויטן־לאַגער מיידאַנעק:

הארט פאַר דער באַפרייאונג, האָט אַ יידישער יונגערמאַן, מיינער אַ פאַך־קאָלעגע און פערזענלעכער חבר, צדוק גאָרפינקעל, אַרויסגעוויזן העלדישקייט, נישט געלאָזט זיך פירן צום אומקום ווי אַ שעפס צו דער שחיטה. די דאָזיקע געשיכטע האָב איך געהערט פון עטלעכע געראַטעוועטע יידן פון מיידאַנעק, וועמען איך האָב באַגעגנט אין באַפרייטן לובלין, בעת מיין אַריינקום אין דער דאָזיקער שטאָט אַלס זעלנער פון דער סאָוויעטישער אַרמיי.

אין מיינע יוגנט־יאָרן בין איך געווען אַ קאָמאַשן־שטעפער. מיר איז שווער געווען צו באַקומען סטאַבילע אַרבעט אין שטעטל, האָב איך זיך איינגעאָרדנט אין לובלין און דאָרט פאַרבליבן ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווען די נאַציס האָבן אין דער העלפט סעפטעמבער 1939 אָקופירט לובלין, בין איך אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. די איצטיקע נאַכט און נאָך עטלעכע טעג, וואָלטן נישט גענוג געווען צו דערציילן די איבערלעבונגען, וועלכע איך האָב דורכגעמאַכט אין די מלחמה־יאָרן. גלייך ווי ס'איז אויסגעבראָכן די דייטש־סאָוויעטישע קריג, בין איך פרייוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי און אויף פאַרשידענע פראָנטן זיך באַטייליקט אין פאַרביסענע שלאַכטן. ביי סמאָלענסק בין איך שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן אין האַנט און לאַנגע חדשים געלעגן אין שפיטאָל. ווען איך בין געקומען צו די כוחות און זיך אויסגעהיילט נאָך דער שווערער איבערלעבונג, האָב איך געלייענט אין דער פרעסע, אַז די רויטע אַרמיי שלאָגט שוין די נאַציס אויף דער פוילישער טעריטאָריע. איך האָב זיך ווידער געמאָלדן אין דער אַרמיי און מיר איז געלונגען אַריינצוטרעטן אין אַ פאַנצער־אָפטיילונג (טאַנקן). אין שלאַכטן, צוזאַמענשטויסן, אויסשפירן און אָפטמאָל אין אומגעשטערטער באַוועגונג, האָט מיין טאַנקן־פולק איינגענומען כעלם און זיך געגרייט צו אַ שנעל־אַטאַקע אויף לובלין.

אונדזערע פאַנצער־מאַשינען טראָגן זיך פאָרויס און איך דערקען דעם אַריינפאָר קיין לובלין, פון דער לובאַרטאָווסקע גאַס. דאָס האַרץ קלאַפט האַסטיקער, עס ווילט זיך וואָס שנעלער גיין איבער די גאַסן, ווו מען האָט פאַרבראַכט אַזויפיל יאָרן. און אפשר לעבט ווער פון די אייגענע, הגם איך האָב יאָ געוווּסט וועגן די היטלעריסטישע רציחות. פלוצים בלייבט שטיין מיין מאַשין. אויפן וועג באַווייזן זיך אַ מאַן פופצן, אויסגעצערטע, בלייכע, שלעכט אָנגעטוענע. מיר שפרינגען אַרויס פון דער פאַנצערקע. איך דערזע אין די מענטשן, אַז זיי זענען יידן. אַ דערשטוינטער פרעג איך, וואָס זיי טוען דאָ? איינער פון זיי דערציילט אויף שנעל, אַז שוין 3 טעג ווי זיי ליגן באַהאַלטן אין די קוסטעס און וואַרטן אויף דער רויטער אַרמיי. זיי זענען אַנטלאָפן פון מיידאַנעק אַ דאַנק דער העלדישקייט פון אַ לובלינער יונגערמאַן.

— ווער? — פרעג איך מיט נייגיר.

— צדוק גאָרפינקעל — ענטפערט דער דערציילער.

דער דאָזיקער נאָמען דערמאָנט מיר אַ שלל דערינערונגען פון דעם יידישן לובלין, ווו איך האָב צוזאַמען מיט צדוק'ן דורכגעלעבט טעג פון פריידן און ליידן אין וואַרשטאַט, אין גאַס, אין געזעלשאַפט. איך בעט די אָנגעטראָפענע יידן, זיי זאָלן מיר גענוי דערציילן דעם פאַל. איינער פון די געראַטעוועטע גיט איבער:

צדוק גאָרפינקעל, ווי אַ געניטער פאַכמאַן, איז געווען הויפט־מייסטער אין די לעדער־וואַרשטאַטן אויף ליפּאָווע 7, ווו עס האָבן געאַרבעט יידישע קריגס־געפאַנגענע פאַר די באַדערפענישן פון די דייטשן. יעדן פרימאָרגן האָבן צוויי ס. ס.־לייט אים געפירט פון מיידאַנעק, ווו ער האָט זיך געפונען מיט זיין פרוי און קינד, אויף ליפּאָווע צו דער אַרבעט. אין אָוונט פלעגט מען אים אונטער דער זעלבער שמירה אָפפירן „אַ היים". ערשט מיט 3 טעג צוריק זענען אין אונדזער באַראַק געקומען באַוואָפנטע ס. ס., און צוזאַמען גענומען ביי אַ 30 יידן, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען צדוק גאַרפינקעל. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס פירט מען אונדז אין אויוון, ווייל לויט דער אויפפירונג פון די דייטשן אין מיידאַנעק איז געווען קלאָר, אַז די רוסן זענען נאָענט. מיטן דערשפירן זייער סוף, האָבן די רוצחים אויך געוואָלט אויסענדיקן די לעצטע רעשטלעך יידן. איצט זענען מיר געווען זיכער, אַז ס'איז אונדזער לעצטער וועג. מיר דערנענטערן זיך צום טויער. פלוצים געשעט עפּעס איבערראַשנדיקס. צדוק גאָרפינקעל האָט מיט זיינע שטאַרקע הענט אַ הויב געגעבן איינעם פון אונדזערע ס. ס.־באַגלייטער און מיט אַזאַ קראַפט אַראָפגעלאָזט אויף דער ערד, אַז ביידע פיס פונעם נאַצי זענען אים אַריין אין בויך. צדוק האָט זיך דערמיט נישט באַגנוגנט און מיט דער זעלבער שנעלקייט מיט וועלכער ער האָט אויפגעהויבן און אַראָפגעלאָזט דעם דייטש, האָט ער זיך איצט אַ וואָרף געטאָן אויף אים און ממש צעריסן אויף שטיקער. די איבעריקע נאַציס האָבן זיך ענדלעך געכאַפט, וואָס עס קומט פאָר און אָנגעהויבן שיסן. אַ דורכגעלעכערטער מיט קוילן און אַ באַגאָסענער מיט בלוט, איז צדוק געפאַלן אויפן טויטן קערפער פונעם דייטש און אויסגעהויכט זיין ליכטיקע נשמה.

מיר, וועלכע האָבן זיך געפונען אין טראַנספאָרט פאַר דער קרעמאַטאָריע, האָבן דערווייל אויסגענוצט די אַנטשטאַנענע בהלה און אָנגעהויבן לויפן. די מערדער האָבן נאָכגעשאָסן, עטלעכע יידן געטויט, אָבער אונדז, וועלכע איר זעט איצט, איז געלונגען צוצוקומען אַהער, ווו מיר זענען גאַנצע 3 מעת־לעת געלעגן באַהאַלטן אונטערן פרייען הימל, אָן עסן און טרינקען. ערשט דער גערויש פון אייערע טאַנקן און פאַנצער־מאַשינען האָט אונדז אָנגעזאָגט די באַפרייאונג — און מיר זענען אייך געלאָפן אַנטקעגן. די געשעעניש איז געוואָרן מעגלעך, נאָר אַ דאַנק דער גבורה פון צדוק גאָרפינקעל, וואָס אין די באַדינגונגען פון מיידאַנעק, איז עס געווען אַ זעלטענער פאַל פון ווידערשטאַנד".

(פונעם בוך „חורבן און גבורה פון שטעטל מאַרקושאָוו", דערשינען אין תל־אביב, 1955. רעדאַקטאָר דוד שטאָקפיש, 436 ז"ז).

10

## קריסטלעכע אַלט־שטאָט

**יאָרהונדערטער דרימלען ביי די טראָטואַרן,**
**זיי טרינקען ווייַן און זענען פול מיט סוד,**
**אַלכעמיע; טייוול צונויפגעפאָרט מיט גאָט.**
**און די הערצער האַלטן אין איין גאַרן.**

**אין די אויגן — חכמה פון געגאַרן:**
**— דער שטערן זאָגט: טויט איז אויף דיין טראָט.**
**— כ'צאַפ ווייַן פון וואַנט און שיכור כ'ווער ווי לוט...**
**אין אַלע ווינקלען לויערן געפאַרן.**

**וויין, מיין לירע! פון סטרונעס רינט מיט דעמער,**
**פאַרשייטקייט רייסט זיך: נעם מיך, נעם מיך,**
**„איין מערכען אויס אַלטער צייט פאַרגעסן"...**

**דאָן־זשואַן טראָגט זיין ליבסטער דורך אַ פענצטער,**
**פיסטוילן־קנאַל, יאָגן רייטערס אין געשפענסטער.**
**וויין, מיין לירע! טויט איז די פרינצעסן!**

(צוגעשיקט פון יוסף שענקמאַן, פתח־תקוה)

# מער נישט קיין אוישוויץ און מיידאנעק / שמואל שפּיראָ — פאַריז

פון דער רעדע אין נחלת יצחק, ביים מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין און מיידאַנעק, אין טאָג פון אומקום און גבורה.

מיר האָבן נאָר וואָס פאַרענדיקט די פסח־טעג, וועלכע האָבן אונדז דערמאָנט אין וויטן עבר, פון יציאת מצרים — און אין אונדזער צייט — פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. „והגדת לבנך”, אין די דאָזיקע צוויי ווערטער פון דער הגדה של פסח, ליגט דער זין פון קיום פון אונדזער פאָלק. האָבן דאָך אונדזערע חכמים געלערנט, ווי גרויס די סכנה פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ פון אַ פאָלק, אויב די קינדער ווייסן נישט וואָס ס'איז געשען פריער און אויב זיי וועלן דאָס נישט איבערגעבן צו די ווייטערדיקע דורות. ווי אָרעם איז אַ פאָלק, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין געשיכטע, קיין יחוס־קייט, מיט וועלכער עס קאָן זיך גרויסן. טאַקע דערפאַר דערצייל דיינע קינדער און אייניקלעך, וועגן אַלעמען, וואָס איז געשען אין משך פון דער פיל־טויזנטיעריקער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. דערצייל, אַז בכל דור ודור האָבן נישט געפעלט קיין שונאים: פון פרעה מלך מצרים — ביז עמלק און המן, פון אַנטיוכוס ביז טיטוס הרשע, פון טאָרקוועמאַדאָ ביז באָגדאַן כמיעלניצקי. אָבער אין די ברענענדיקע פייערן, איז געלייטערט געוואָרן אונדזער גייסט און יעדעס מאָל זענען אויפגעשטאַנען די העלדישע זין און אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס פונעם שונא. פון די חשמונאים ביז דער זעלבשוץ אין די שטעט און שטעטלעך פון יידישן תחום־המושב, ציט זיך אַ לאַנגע קייט פון יידישער גבורה, יידישן אויסדויער, יידישן בטחון.

אין אונדזער צייט איז געקומען דער גרעסטער שונא פון יידישן פאָלק און געוואָלט מאַכן אַן ענדגילטיקן סוף. היטלער האָט געשטרעבט צו פאַרשקלאַפן גאַנץ אייראָפּע, די גאַנצע וועלט. אָבער דאָס פאָלק ישראל האָט ער געוואָלט טאָטאַל פאַרניכטן. ווען מיר האָבן זיך שוין געפונען אין די טיפסטע טיפענישן פון עמק־הבכא, ווען מיר זענען אָפּגעגאַנגען אין טייכן בלוט, ווען אונדזערע מאַמעס און טאַטעס, שוועסטער און ברידער זענען מיט אַ שמע ישראל אויף די ליפּן אויסגעגאַנגען אין די פייער־אויוונס. פון אוישוויץ און מיידאַנעק — האָט אַ הייפל יונגע בחורים און מיידלעך אויפגעהויבן די פאָן פון רעוואָלט. ס'איז געווען אַ פאַרצווייפלטער, האָפנונגסלאָזער קאַמף — האָפנונגסלאָז פאַר זייער אייגן לעבן, אָבער פול מיט האָפנונג פאַרן כבוד פון דעם פאַרפייניקטן יידישן פאָלק. כבוד און רום די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד!

אויך אונדזער היימשטאָט לובלין, באַרימט אין גאָר דער וועלט מיט איר רייכער געשיכטע פון יידישן שאַפן, די שטאָט פון ועד ארבע הארצות, פון מהר"ם און מהרש"ל, פון „ישיבת חכמי לובלין” און צאָלרייכע פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, האָט אַרויסגעגעבן יידן־העלדן אין קאַמף מיט די נאַצישע רוצחים. ווי עס גיט איבער גדעון הויזנער, הויפט־באַשולדיקער אויפן אייכמאַן־פּראָצעס און הרב ידידיה פרענקעל, תל־אביבער רב, וועלכע האָבן אויפגענומען און פאַרצייכנט גבית־עדות, זענען לובלינער יידן געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דעם נאַצישן מושל. אָט וואָס זיי דערציילן:

באַלד אין די ערשטע טעג פון אָקופּירן לובלין, ווי נאָר די געסטאַפּאָ האָט אָנגעהויבן איר רוצחישע טעטיקייט, האָט זייער קאָמענדאַנט באַפוילן יידישע מענער צו פאַרזאַמלען זיך אויף אַ געוויסן פּלאַץ. איבער טויזנט יידן האָבן זיך צוגעשטעלט און דער דייטש אין אַ שיכורן צושטאַנד, האָט געהייסן דעם עולם זינגען. מען קאָן זיך משער זיין, אַז די פאַרזאַמלטע זענען נישט געווען זינגענדיק... אָבער אונטער דער דראָונג פון דערשאָסן צו ווערן, האָט איין ייד צווישן די פאַרזאַמלטע אָנגעהויבן מיט אַ שטאַרקער שטימע צו זינגען מיט דער מעלאָדיע פון באַקאַנטן פאָלקס־ליד „לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן” — אָבער זיינע ווערטער: „יידן, מיר וועלן זיי איבערלעבן, איבערלעבן”. פאַר דער יידישער חוצפה, האָט דער רוצח געגעבן אַ באַפעל צו שיסן און ס'זענען געפאַלן די ערשטע קרבנות. ווי פון פריער אָפּגערעדט, האָבן אַלע פאַרזאַמלטע אָנגעהויבן זינגעז די „התקוה” — און זינגענדיק, אויסגעהויכט זייערע נשמות.

פון דער דאָזיקער ערשטער עפנטלעכער שחיטה, זענען בלויז געציילטע געראַטעוועט געוואָרן. אייניקע פון זיי געפינען זיך אין ישראל. כבוד און רום די קדושים פון לובלין.

36 יאָר זענען שוין פאָריבער זייט דעם זיג איבער די היטלעריסטישע מערדער און טויזנטער קריגס־פאַרברעכער זענען געבליבן אומבאַשטראָפט. אין דער גאַנצער וועלט געפינען זיך טויזנטער גרופּן פון נעאָ־נאַציס וועלכע הויבן שוין אויף די קעפּ און מאָרדן, שענדן און פאַרשוועכן יידישע שולן און בית־עלמינס. דער מינהג צו גיין אויפן בית־עולם זיך מתייחד זיין מיט די נשמות פון אונדזערע טייערע, דאַרף ווערן איין גרויסע פּראָטעסט־מאַניפעסטאַציע פון גאַנצן יידישן פאָלק, וואָס שרייט אויס: מער וועלן קיין אוישוויץ'ס און מיידאַנעקס נישט זיין!

## „הקומוניקציה” חייבת להיות דו־סיטרית...

ארגון יוצאי לובלין הוא ארגון וולונטארי. ההשתייכות אליו היא רגשית־סנטימנטלית וההשתתפות באזכרות לקדושינו או באירועים אחרים, אינה חובה. אבל קשה להשלים עם המחשבה, שמאות מיוצאי עירנו, אלה שהוריהם, אחיהם, אחיותיהם וילדים, קרובי משפחה וידידים, שניספו בשואה ופעמיים בשנה אנו מתייחדים עם זכרם — לא באים לאירוע זה, הגדוש זכרונות, חוויות, הווי, פגישות עם אנשים מן הבית שנחרב. אבל איך אומרים: רצונו של אדם — כבודו.

בכ"ז אנו שואלים: איזה כבוד זה לקבל את העתון שלנו, הזמנות למיפגשים, קריאות לתרום למטרה מסויימת — וכל זה נשאר בקול קורא במדבר. ביקשנו כמה פעמים: מי שאינו מעוניין לקבל את השנתון שלנו — אין לו מה להסס ולהתבייש, אלא להודיע בטלפון או במכתב, על אי־רצונו לקבל את העתון. לא ייתכן להשקיע סכומי־עתק בהדפסת החוברות ובמשלוח לאנשים, שאין להם שום ענין או יחס לדברים האלה.

הפעם, וזה נסיון אחרון, אנו שולחים את „קול לובלין” מס' 16 לכל יוצאי לובלין בישראל, ללא יוצא מן הכלל, בתקוה ואמונה, שיעדיפו להפסיק את שתיקתם ויודיעו: או שאינם רוצים לקבל מאתנו איזשהו חומר, או שיעבירו אלינו בבנק הדואר לפחות 50 שקל כדמי־חבר ותשלום עבור העתון.

מי שלא יעשה כך, אנו מפסיקים את המשלוח של עתוננו ומוציאים את האיש מהכרטסת של ארגון יוצאי לובלין. „הקומוניקציה” בין הלובלינאים וארגונו חייבת להיות דו־סיטרית.

teatrnn.pl

# אונדזער יוגנט אין פארמלחמהדיקן לובלין...



נישט אַלע אויף דעם בילד האָט זיך געלאָזט אידענטיפיצירן. מיר זעען דאָ, צווישן אַנדערע: הינדע שניידלעדער, ערליכמאַן, לייב מאַנדעלבוים, בויאַנער, שטאַרקמאַן.



פון רעכטס: אלי שטיינוואַסער, (אומבאַוווּסט), יאָסל גאָלדמאַן, יעקב ווייצענפעלד.



אויפן בלוי־ווייסן באַל פון „הכוח" אין 1938.
פון רעכטס: לייבל מאַנדעלבוים, סימע קאָרנזייער־מאַנדעלבוים, נחמן גורפינקעל, (אומבאַוווּסט).

# ...און נאך דער באפרייונג



בעת דער אַנטהילונג פונעם דענקמאָל לזכר די קדושים פון לובלין, אויפגעשטעלט אין יאָר 1962 הינטערן לובלינער מאַגיסטראַט. רעכטס, אויבן: נאַטעק אַקערמאַן. לינקס: שיע סלושני. אויפן בילד אונטן: דער צווייטער, רעכטס — בנימין לובעלסקי, מאַקס הערץ־לענקעוויטש ז״ל, סטעפאַניא אוריך ז״ל.



אַ גרופּע אַרבעטערינס און אַרבעטער אין דער פאַבריק „בענגאַל"

בנימין לובעלסקי

# פון פוילישן טאַרג־ אויף די שלאַכטפעלדער פון שפּאַניע



פון רעכטס — ישראל האַלבעסבערג און זיין שוואָגער, אומגעקומען פון די דייטשן אין בעלגיע.

(דעם געפאַלענעם אין שפּאַניע, ישראל האַלבערסבערג ז״ל)

ווען איך טראַכט פון אים, זע איך די נאָווע גאַס, פון די שטיגעלעך־אַן, וועלכע קומען פון דער קאָוואַלסקע. כ׳זע די געשעפטן פון שפּייז׳ פון קליידער, דאָס גלאָזגעשעפט פון דיאַמאַנטן, די געשעפטן אַרויף ביזן גאַלאַנטעריע־געשעפט פון טויבעלע מאַנדעלסבערג, אַנגעשפּאַרט האַרט אין דער ברום פון שטאָט־זייגער. דער בליק וואַנדערט אַריבער צום מאַגיסטראָט, אָבער צום הינטערשטן טייל, ווו ס׳איז דער ראָטהויז. אָט בין איך אויף דער שוויענטאָדוסקע גאָס. כ׳גיי פאַרביי דאָס קליידער־געשעפט פון אַכטמאַנען, דאָס אייזן־געשעפט פון יוסף ווילניצקי, די פאַרשידענע קראָמען און וואַרשטאָטן, ביז איך קום צו צום קלויסטער פון דער שוויענטאָ־דוסקע. כ׳גיי פאַרביי דאָס קאָלאָניאַל־געשעפט פון דער פרוי שטערנבליץ, כ׳שפּרייז אַריבער דעם איינגאַנג צו דער פאָטשאַנטקאָווסקע, פאַרהאַלט זיך ביי פרידמאַנס זאַלץ־געשעפט, האַרט ביים שניטגעשעפט פון די ברידער בערל און שיע פעלד. כ׳בלייב שטיין — געמאַכט דעם קרייז. אינמיטן דעם דאָזיקן קרייז געפינט זיך דער פוילישער טאַרג.

יאָ׳ דעם טאַרג זע איך נאָך, הער און פיל ביזן היינטיקן טאָג, און גאַנץ באַזונדערס — די ספּעציעלע טאַרג־טעג. די פויערישע פורן שטייען אַרום און אַרום. די בודקעס און סטראַגאַנעס זענען באַלייגט און באַהאַנגען מיט קליידער, שיך, פאַטשערקעס, פּראָדוקטן. אויף די דראָטן איבערן פייער פּרעגלט זיך קאָלבאַס, פון וועלכן עס טריפט דאָס פעטס. די פויערן דרייען זיך אַרום, קוקן, טאַפּן, דינגען זיך. אַ געפילדער, אַ טומל טראָגט זיך אין דער לופט, צוגעדעמפט מיט ריחות פון ציבעלעך און קנאָבל, פון בייליק און לעבער...

די בודקעס און סטראַגאַנעס געהערן אין גרעסטן טייל צו די פּאָלאַקן. דאָ און דאָרט האָט אויך אַ ייד זיין אָרט. טאַקע דאָ האָט יעקב יצחק האַלבעסבערגס טאַטע געהאַט זיין בודקע מיט די ליימענע טעפּ: טעפּ גרויסע און קליינע — אויף מילך, אויף קעז, אויף וואַזאַנעס. די דערציילונגען פונעם „געשעפט״ פון ישראל האַלבעסבערגס טאַטע, האָבן מיין געדאַנק תמיד צוריק געבראַכט צום דאָזיקן אָרט, צום פוילישן טאַרג און זיין סביבה.

ער האָט ניט געהאַט קיין לייכט לעבן, יעקב יצחק, צווישן זיינע גוישע שכנים, און דאָס אַרטיקל מיט וועלכן ער האָט געהאַנדלט, איז ניט געווען פון די וואָס ברענגען גרויסע פאַרדינסטן, בעת אין דער היים זענען געווען „קינדערלעך זאַלבעאַכט״. שווער צו דערנערן אַזאַ גרויס הויז!

איינס נאָך איינס זענען די קינדער אַוועק פון דער היים.

✶

ישראל איז געקומען קיין דייטשלאַנד נאָך די מאַי־טעג פון 1929. די לאַגע דאָרט איז געווען אַ שווערע. מיליאָנען אַרבעטלאָזע, שאַרפע סאָציאַלע קאָנפליקטן, פאַרביסענע קאַמפן צווישן סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן און נאַציס. אין דער לופט האָט זיך נאָך געטראָגן דער אָפּקלאַנג פונעם געשיסעריי, מיט וועלכער די פּאָליציי האָט געשטורעמט די באַריקאַדן פון רויטן וועדינג. די וויימאַרער קאָנסטיטוציע האָט טאַקע גאַראַנטירט פולע דעמאָקראַטישע פרייהייטן, נאָר די ברוינע באַטאַליאָנען האָבן דערפון געשפּאָט און זיך געאיבט צו זייער טייוולאָנישן שפּיל. היטלער האָט צוגעזאָגט דעם דייטשן פאָלק „אייזן און בלוט״. ניט געווען קיין אָרט און צייט צו זוכן שוץ און אַרבעט. נאָך אַ קורצן פאַרבלייב אין בערלין, איז ישראל אַוועק ווייטער — אָן אַ וויזע, אָן אַ פּאַספּאָרט. ער האָטביידע ניט געהאַט. זיין וואַנדער־וועג האָט אים אומלעגאַל געבראַכט קיין פּאַריז.

די פראַנצויזישע פרייהייט האָט אים אַ בליץ געטאָן פאַר די אויגן. דער גלאַנץ פון פּאַריז׳ איר שיינקייט און רייכקייט האָבן אים באַצויבערט — אָבער ווי אַן אומלעגאַלער אימיגראַנט, מיט ליידיקע קעשענעס, ווערט דער טריט איבער די שענסטע גאַסן שווערער מיט יעדן טאָג.

דער קריזיס אין פראַנקרייך האָט זיך פאַרשטאַרקט, די פאַבריקלעך און די יידישע וואַרשטאָטן האָבן שווער געאָטעמט אונטער די קלעפּ פונעם קריזיס. ישראל האַלבערסבערג האָט זיך געפילט פאַרפאָלגט פון אַן אומגעזעענעם שונא, וואָס מוטשעט זיין קערפּער, ברעכט זיין געמיט. ער איז ניט געווען דער איינציקער.

✶

צווישן די טויזנטער פאַרצווייפלטע, האָט דער פראַנצויזישער פרעמדן־לעגיאָן געפאַנגען זיינע קרבנות. אַ פּלאַקאַט׳ וועלכער האָט געוויזן אַ געזונטן, פון זון אָפּגעברענטן חברה׳מאַן אינעם ווייסן לעגיאָנערן־קעפּי, האָט געלאָקט און גערופן: „דער פרעמדן־לעגיאָן גיט דיר אַן אינטערעסאַנט און ווירדיק לעבן!״ אַלץ איז צוגעזאָגט געוואָרן: אַ גוטער לוין, קליידונג, שטאַרקע איבערלעבונגען, און לסוף — פראַנצויזישע בירגערשאַפט און אַ סומע געלט, אָנגעזאַמלטע אין משך פון די פינף יאָר! אַזוי פיל „גוטע״ זאַכן האָבן גערעדט צום געמיט פון הונגעריקן, היימלאָזן — און אָנגענומען ווערן אין לעגיאָן קאָן יעדער איינער (די געזונהייט־קאָמיסיע דאַרף נאָר פעסטשטעלן, אַז ער איז געזונט), ווייל נאַציאָנאַליטעט, עלטער — גייט קיינעם ניט אָן! אַפילו האָבן דערהרגעט טאַטע־מאַמע׳ איז ניט קיין שטערונג אָנגענומען צו ווערן אין פרעמדן־לעגיאָן. אַלע זענען דאָרט גוט!...

וואָס האָט אַ לובלינער בחור, אָן דערפאַרונג, געקאָנט וויסן וואָס שטעקט אונטער אַזאַ פּלאַקאַט, וועלכער רופט צו ווערבירן זיך אין לעגיאָן? האַלבעסבערג איז אַריינגעפאַלן אין דער נעץ און פאַרטראָגן געוואָרן קיין סידי־בעל־אבעס, אין מאַראָקאָ.

פונעם דאָזיקן מענטשן־מאַטעריאַל, האָבן די פראַנצויזן, אונטער דער בראָטנדיקער סאַהאַראַ־זון, ביי אַ מערדערישער דיסציפּלין און שווערע איבונגען אין די קאַזאַרמעס פון סידי־בעל־אבעס, אויסגעשמידט זייערע לעגיאָן־איינהייטן, מיט אַ ביטול צום לעבן און טויט, פאַרן רום און אינטערעסן פון פראַנקרייך.

שווערע פינף יאָר זענען עס געווען — יאָרן פון פּיין׳ שיכרות, קאַמפן אין הייסן זאַמד! דער סאָלידער חברה׳מאַן ישראל האַלבערסבערג האָט אַלץ דורכגעהאַלטן. נאָך

אוממענטשלעכע, גרויזאַמע פינף לעגיאָן־יאָרן, איז ער מיט אַ פראַנצויזישן פּאַספּאָרט, און אַפילו מיט געלט אין קעשענע, צוריקגעקומען אויף די בולוואַרן פון פּאַריז.

אויך ביי זיין צוריק קומען, האָט ישראל ניט געטראָפן קיין גן־עדן אין פראַנקרייך. ס'איז געווען דאָס יאָר 1937. קולות פון גרויל און מאָרד זענען דערגאַנגען פון היטלעריסטישן דייטשלאַנד. די מלחמה איז שוין געהאַנגען אין דער לופט. אין שפּאַניע האָט זי שוין, זייט אַ יאָר, אָנגענומען קאָנקרעטע, בלוטיקע פאָרמען — אַ מלחמה קעגן נאַציזם און אַנטיסעמיטיזם. זיין נייער פראַנצויזישער פּאַספּאָרט און דאָס אָנגעזאַמלטע געלט, האָבן מיט אַמאָל פאַרלוירן ביי אים יעדער באַדייטונג. פון פראַנקרייך קיין שפּאַניע איז געווען בלויז אַ טראָט — און שוין אין מערץ 1937 איז ער דאָרט געווען!

★

צו די געוועזענע סאָלדאָטן פון פרעמדן־לעגיאָן, ווי צו מענטשן פּאָליטיש פרעמדע, מיט אַ ניט קלאָרער פאַרגאַנגענהייט, האָט מען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע זיך באַצויגן מיט אומצוטרוי. ס'האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און האַלבערסבערג איז געוואָרן נאָענט און האַרציק פאַר אַלע זיינע חברים־מיטקעמפער. ער איז געווען אַן אויסגעשולטער סאָלדאַט, מיט אַן אייזערנער דיסציפּלין — און אַזעלכע האָט די נאָר וואָס פאָרמירטע שפּאַנישע פאָלקס־אַרמיי ניט געהאַט קיין סך.

אין דער דאָמבראָווסקי־איינהייט איז ער גלייך אויסגעוואַקסן צו אַ ביישפּיל פון מיליטערישער דערפאַרונג און מוט. ער האָט שנעל אַוואַנסירט אויף סערזשאַנט. ווען סוף דעצעמבער 1937, פאָרמירט זיך אַ באַזונדערע יידישע איינהייט, די באָטווין קאָמפּאַניע, איז ער דאָרט גלייך אַריבער און באַקומען די אָנפירונג פון אַ פּלוטאָן. אָנהייב 1938, בעת דער ערשטער שלאַכט פון דער איינהייט, טיף אין שונאס שטח, אויף דער סיעררא קעמאַדא, בראש פון זיין פּלוטאָן, באַווייזט ער ווונדער פון גבורה. די קליינע איינהייט, אונטער זיין באַפעל, נעמט אין געפאַנגענשאַפט אַ פיינטלעכע באַטעריע, מיט איר קאָמענדאַנט און מאַנשאַפט. די שלאַכט איז געווען אַ ביטערע. די איינהייטן, וויניק צוגעגרייטע, ניט געהאַרטעוועטע אין קאַמף, האָבן געליטן שווערע פאַרלוסטן. אין די קאַמפן פאַר סיעררא קעמאַדא, האָט האַלבערסבערג באַוויזן זיין הויכן מיליטערישן ניוואָ, וועלכער האָט אַ סך קרבנות געשפּאָרט זיין איינהייט.

דאָך איז דער איבערגאַנג פון פרעמדן־לעגיאָן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע, ניט געווען פאַר אים קיין לייכטער. דאָס איז געווען אַ מיליטערישע איינהייט פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. ער האָט געמוזט באַקעמפן געוווינהייטן, וועלכע האָבן זיך ניט אַריינגעפּאַסט אין די נייע ראַמען.

— אַ סוף צום ביטערן טראָפּן! — האָט ער אַ געוויסן טאָג באַשלאָסן, און מיט זיין אייזערנעם ווילן פאַרענדיקט מיט אַ געוווינהייט, וועלכע איז אין משך פון פינף יאָר געווען אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון זיין לעגיאָנערן־לעבן.

האַלבערסבערג האָט ניט געהערט צו קיין שום פּאַרטיי, ער איז אָבער שנעל מיטגעריסן געוואָרן. מיר זעען אים ווי איינער פון די טעטיקסטע פּאָליטישע טוער אין דער איינהייט. „עס איז אַ קאַמף קעגן היטלערן און מוסאָליניך" — האָט ער געטענה'ט און מיט לייב־און־לעבן זיך באַמיט אויפצוקלערן דעם ענין די סאָלדאַטן, שטאַרקן זייער קאַמף־גייסט.

אין פייער פון די שלאַכטן איז געוואַקסן זיין פּאָליטישע רייפקייט, צוזאַמען מיט מיליטערישער דערפאַרונג. אין דער גרויסער עברא־אָפנענסיווע, איז ער שוין לייטענאַנט. ווען דער קאָמענדאַנט פון דער באָטווין־קאָמפּאַניע, עמנואל מינק, איז אַוועק אין דער מיליטער־שול, איז האַלבעסבערג באַשטימט געוואָרן אויף זיין אָרט. אַז זיין פּאָליט־קאָמיסאַר איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין שלאַכט, איז האַלבעסבערגן צוגעטיילט געוואָרן אויך די דאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע.

אין אַ שווערער שלאַכט, דעראָבערט האַלבערסבערג, בראש פון זיין איינהייט, דאָס שטעטל קאָרבערא. נאָך דער פאַרביטערטער קאַמף גייט ווייטער אָן. צוויי טעג נאָכן דעראָבערן קאָרבערא, דעם 30סטן יולי 1938, אין די קאַמפן פאַר גאַנדעסא, איז ישראל האַלבערסבערג, דער לעגענדאַרער קאָמענדאַנט פון דער באָטווין־קאָמפּאַניע, העלדיש געפאַלן אין שלאַכט.

נעבן גאַנדעסא, ניט ווייט פון טאַרטאַסא, ווו דאָס שפּאַנישע יידנטום האָט אין די פינצטערע יאָרן פון מיטלאַלטער געפירט דעם באַרימטן דיספּוט קעגן דער קאָרומפּירטער קאַטוילישער היעראַרכיע, האָבן אים זיינע חברים געבראַכט צו אייביקער רו.

האַלבערסבערג האָט געהאַט אַ טרייען פאַרבינדלער, אַ פּויערים־זון פון דער אַלמעריאַ־געגנט, מיטן נאָמען סאַנטשעס אַראָן (דער נאָמען זאָגט אונדז עפּעס!). ווען סאַנטשעס אַראָן איז שטערבלעך פאַרוווּנדעט געוואָרן, האָט ער מיט די לעצטע כוחות זיך צוגעשלייכט צו זיין באַליבטן קאָמענדאַנט, כדי זיך מיט אים געזעגענען. די געזעגענונג איז ניט געווען אויף לאַנג. זייט ביי זייט, אויף דער שפּאַנישער ערד, זענען געבליבן דער פּויערן־זון פון דער אַלמעריאַ־געגענט און דער זון פון דער לובלינער אָרעמקייט דער קאַפּיטאַן (נאָך זיין פאַלן איז ער ערנפול דערהויבן געוואָרן אין ראַנג) —— ישראל האַלבעסבערג.

אַ לאַנגן וועג האָט ישראל אַדורכגעמאַכט — פון פּוילישן טאַרג ביז אויף די שלאַכטפעלדער פון שפּאַניע. אַ וועג פון לײדן און קאַמף, נאָר טראַגיש פאַרענדיקט אין כבוד און אין רום.

## שרה ארליכמן־בנק — אם השנה

בת־עירנו שרה ארליכמן נבחרה כ„אם השנה" בעיר עפולה.

ביוזמתה של שרה ארליכמן־בנק מעפולה נתארגנה קבוצה יוזמת למסע הסברה נגד עיסקת הנשק בין גרמניה הפדראלית וסעודיה. בקול־הקורא, המופץ על־ידי היוזמים והחתום על־ידי עשרה אנשים, נאמר בין היתר:

„אנו קוראים להמוני בית־ישראל לצאת למאבק גלוי ועקשני נגד עיסקה זו. אנו פונים לכל הארגונים של יוצאי הקהילות שהוכחדו בשואה להתארגן למניעת עיסקה זו ודומות.

תכונס ועידה עולמית של כל הארגונים של קהילות ישראל שהוכחדו, של הלוחמים והפרטיזאנים. יישמע באמצעותם קול אחינו המומתים. הננו בטוחים שבמאבק זה נזכה בתמיכת דעת הקהל הנאור ושל אנשי המצפון בעולם..."

## תערוכת ציורי־שמן של זהבה ליכטנברג

לבת־עירנו זהבה ליכטנברג, מקיבוץ עברון, היה הישג לא־מבוטל בשתי התערוכות של תמונותיה במועדון לחבר בקיבוצה וב„בית הקיבוץ הארצי" בת"א.

ב־32 ציורים פרי־מכחולה, נמצא מגוון רחב של נושאים, צבעים וכשרון. התרשמנו במיוחד מ„הסקרנית", „שואבי המים", „חזרה מן היער", „פגישה במורד הכפר", „דמויות בחלון" ואחרים.

## אין שליחות קיין פראַנקרייך און בעלגיע

אין שייכות מיט דער מיטגלידערשאַפט־אַקציע פון דער אַל־וועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צום באַפאָרשטייענדיקן ציוניסטישן קאָנגרעס, איז פריינד דוד שטאָקפיש דעלעגירט געוואָרן פונעם סעקרעטאַריאַט פון דער וועלט־באַוועגונג פון מפ"ם קיין פראַנקרייך און בעלגיע — פון 1טן ביזן 21סטן נאָוועמבער 1981. ביי דער געלעגנהייט וועט אונדזער פאַרזיצער זיך באַטייליקן אין דעם אזכרה־אַקט אין פּאַריז נאָך די לובלינער קדושים און אויך זיך טרעפן מיט לאַנדסלייט אין די אויבנדערמאָנטע לענדער.

# זכרונות פון פארמלחמהדיקן לובלין

יוסף אַכטמאַן / בת־ים

## וואַלעכמאַנס טאַנץ־שול

אין אָנהייב פון דער גראָדזקע־גאַס, אַ 3־2 הייזער נאָך דעם גמינע־הויז, האָט זיך געפונען וואַלעכמאַנס טאַנץ־זאַל, גיכער באַקאַנט מיטן אָפיציעלן און פאָפולערן נאָמען „שקאָלאַ טאַנצווו וואַלעכמאַנאַ" — אַ סאָרט אַמאָליקער דיסקאָטעק, ווו ייִנגלעך און מיידלעך פון לובלינער ייִדישע היימען האָבן געקאָנט „לעגאַל" זיך אַרומנעמען בעתן טאַנצן, אַפילו זיך צודריקן און אויך כאַפּן אַ פלירט.

אַמאָליקע טענץ זענען געווען גאַנץ אַנדערש ווי די היינטיקע, האַלב־ווילדע פיגורן, מיטן דרייען זיך און וואַרפן זיך, מיט די העוויות און באַוועגונגען מיט די הענט און פיס... ווי קומט דאָס צום ראָמאַנטישן וואַלס, צום סענטימענטאַלן טאַנגאָ, צום קאָנטרע־דאַנס, פאָלקע אָדער פאָלקע־גאַלאָפּקע, ווו דאָס פּאָרל, הגם נאָענט קערפער צו קערפער, איז געווען צערטלעך און דעליקאַט. חלילה, אַז אַ בחור זאָל זיך האָבן דערלויבט אינמיטן טאַנץ אויף אַ נישט פיינער טאַט. ווייל אין יענע צייטן, איז דער עיקר פון יעדן טאַנץ געווען די פּאַ, דער ריטם. אַלע אַנדערע „קונצן" זענען געווען פאַרבאָטן. אַ בחור וואָס האָט זיך דערלויבט עובר צו זיין אויף די איינגעשטעלטע נאָרמעס, האָט געקאָנט לאַנג וואַרטן, ביז אַ לייטיש מיידל זאָל וועלן מיט אים טאַנצן... געווען אויך פאַלן, אַז אַזאַ טענצער האָט באַקומען אַ פּאַטש אין פנים...

יעדן מוצאי־שבת איז ביי וואַלעכמאַנען פאָרגעקומען די אַזוי־גערופענע „אָגולני" — אַן אַלגעמיינער צוזאַמענטרעף פון די שוין אויסגעשולטע טענצערס מיט די אָנפאַנגערס.. פּאַר איין זלאָטי האָט מען געקאָנט פאַרברענגען דעם אָוונט, צוזאַמען מיטן מיידל, וועמען מ'האָט אויך „געפונדעוועט" דעם אָפּצאָל פאַרן אַריינגאַנג. מיר, אַ גרופּע שילערס פון שפּער'ס גימנאַזיע, גיכער באַקאַנט אַלס „שפּערלאַקעס", אָדער סטודענטן, ווי מ'האָט אונדז גערופן, זענען געקומען „באַשיינען" די „אָגולני", ווייל פאַר געוויסע מיידלעך איז עס געווען אַ כבוד צו טאַנצן מיט אַ „שפּערלאַק", הגם אַזאַ איינער פלעגט זיך אויך „אַריינשמוגלען", כדי נישט באַצאָלן די זלאָטי. וואַלעכמאַן גופא האָט זיך געמאַכט נישט זען אַזעלכע אַריינדרינגלערס.

מיט דער „אָגולני" האָט אָנגעפירט וואַלעכמאַן בכבודו ובעצמו, פאַרשטייט זיך, אַז אין דער פּוילישער שפּראַך. בעת די פיגורן־טענץ האָט מען לויטן טאַקט פון דער מוזיק געהערט באַפעלן „רו" (אַ קרייז, אויף פראַנצויזיש), אָדער אַמאָל מיט אַ פּוילישער צוגאַבע: „אָבשערני רו", וואָס האָט געמיינט: די מיידלעך אין איין ראָד, די ייִנגלעך — אין אַ צווייטן ראָד. אָט הערט זיך ווידער זיינס אַ קאָמאַנדע: „פּאַראַ זאַ פּאַראָן". און שפּעטער: „דאַמי אַוואַנסויאָן", די מיידלעך גייען פאָרויס. אין אַזאַ פאַל האָט דער מאַעסטראָ וואַלעכמאַן געוווּסט, וועלכער בחור וויל טאַנצן מיט „זיין" מיידל, אָדער ווער פון די מיידלעך איז פאַראינטערעסירט אין איר פּאַרטנער. אויב נישט תמיד האָט זיך באַקומען דער ריכטיקער אויסוואַל, לויט יעדנס געשמאַק, איז געפאַלן אַ נייער באַפעל: „יעשטשע ראַז" („נאָך אַמאָל", אָדער „דאַמי נאַפּשוד" („פּרויען פאָרויס").

## אונדזערע מוזיקערס

צו די אַלע טענץ האָט צוגעשפּילט דער פידלער אַקערמאַן, אָדער „דער בלינדער משה", גראָד ניט קיין שלעכטער מוזיקער, וואָס האָט אין זיין לעבן ניט געלייענט און ניט געשפּילט פון נאָטן. זיין מוזיקאַלישע באַגאַבטקייט איז אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז פון בלויזן געהער האָט ער פון זיין פידל אַרויסגעברענגט די שענסטע טאַנגאָס, וואַלסן און פאָלקעס־מאַזורקעס. ווער ס'האָט אַקאָמפאַנירט אויף דעם אַלטן, „הייזעריקן" פּאָרטעפּיאַן — געדענק איך נישט.

די ייִדישע לובלין האָט שטאָלצירט מיט אירע מוזיקערס. די פּראָפעסיע איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, געבליבן אינערהאַלב די משפחות. די אַנדערע אַקערמאַנס פון דער זעלבער משפחה האָבן געקאָנט שפּילן אויף אַלע אינסטרומענטן (איינער פון זיי וווינט אין כפר־סבא). געווען אויך דער אַלטער שפּילפויגל און זיין זון. אויך די פערנאַנדס זענען געווען אַ טאַטע מיט אַ זון. לאָמיר נאָך דערמאָנען דעם וויאָלענטשעליסט ראָזענשער (היינט אין ישראל), וואָס טרעט אויף אין ראַדיאָ. דאָס זעלבע לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן גראָסמאַנען — און פיל אַנדערע. אייניקע ייִדישע מוזיקערס האָבן באַגלייט די שטומע פילמען אין „קאָרסאָ".

מיט אַ 60 יאָר צוריק האָט אין שטאָט קאָנצערטירט אַ לובלינער וווּנדער־קינד, דער 8־יאָריקער פידלער פרידמאַן. די גאַנצע משפחה האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע. איך געדענק אויך די באַרימטע פּיאַניסטין פישמאַן, וואָס האָט געוווינט אין אָפּענהיים'ס הויז און אויפגעטרעטן מיט דערפאָלג אין אויסלאַנד. אין דרום־אַמעריקע געפינט זיך דער מוזיקער ראָזענריב, וועמענס פאָטער האָט פאַרוואַלטעט מיטן זאַל פון „הזמיר".

## מענטשן און אינסטיטוציעס

אַנטקעגן וואלעכמאַנס טאַנץ־שול האָט געוווינט אַ ייִדישער בלעכער, וואָס איז אויך געווען אַ קינסטלער פון קופּער־ און מעש־אויסאַרבייטונגען, נאָר די פרנסה זיינע האָט ער געהאַט פון פאַרריכטן אַ טשייניק, פון פאַרלייטן אַ טעפּל, צי אַ פאָטעלניע. אַ ביסל ווייטער — דזשעוואָלסקיס קריסטלעכע בעקעריי, וואָס האָט בשום אופן נישט געקאָנט קאָנקורירן מיט פיינזילבערס (פון רינעק) לאַנגע זעמאַלעך („סאָלאַנקעס"), אָדער „קייזערקעס".

נאָך דער בעקעריי — צוויי הייזער מיט אַ בשותפותדיקן הויף פון לייבל געווערץ, באַקאַנט אַלס „בעזפּאַלעץ", ווייל ר'האָט אַמאָל פאַרלוירן אַ פינגער. דערנאָך ווידער קומט די אַרכידיאַקאָנסקע גאַס, באַקאַנט צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג צוליב דער „בית־אולפנא" שול פון שאול וויינבוים, ווו מ'האָט אויסער וועלטלעכע לימודים, לויטן פּראָגראַם פון די „פּאָווּשעכנע"־שולן, געלערנט אויך ייִדישע לימודים. און ווער פון אונדז געדענקט נישט דאָס יתומים־הויז אויף דער גראָדזקע גאַס, די גוט־באַקאַנטע „אָכראָנע".

עטלעכע הייזער ווייטער, די געגנט באַוווינט נאָר פון ייִדן, די באַרימטע „פ...טע ברום". אין לעצטן הויז דאָרט האָט געוווינט דער היסטאָריקער ברוך ניסענבוים, וואָס האָט געצויגן חיונה פון זיין בוכהאַנדלונג. אָבער דאָס בוך וואָס מ'האָט פאַרלאַנגט, איז ביי אים נישט געווען, דאַקעגן די ווערק פון טאָלסטוי, לערמאָנטאָוו, גאָגאָל, פּושקין, קאָנאָפּניצקאַ, אָזשעשקאָוואַ, אויף וועלכע ס'האָבן זיך נישט געפונען קיין בעלנים, זענען געלעגן פאַרשטויבט און צעפּרעסן פון די מילן. ער אַליין איז יום ולילה געזעסן אין אַן אַלקערל און געלייענט אָדער געשריבן. כ'בין געווען אַן אָפטער אַריינגייער אין זיין היים, ווייל מיטן זון האָב איך צוזאַמען געלערנט אין שפּערס גימנאַזיע. אַ גלעקל ביים אַריינגאַנג אין געשעפט האָט אָנגעזאָגט אַז ס'איז ווער געקומען.

*

אַזוי האָט אין נאָענטער שכנה'שאַפט זיך געפונען: דאָס פאַרווילונג־אָרט פון וואלעכמאַנס טאַנץ־שול; די חינוך־אינסטיטוציע בית־אולפנה; די פילאַנטראָפּישע און קהלי'שע זקנים־ און יתומים־הויז און דער מקום פון קולטור און וויסן, דאָס ביכער־געשעפט פון ר' ברוך ניסענבוים...

# נאר א דאנק „די קאסע"

פון דער אויסגאַבע „25 יאָר אַרבעט פון דער ערשטער גמילות־חסדים קאַסע אין לובלין". יובי־לעאום־אויסגאַבע, לובלין, אלול תר"ץ. אונדזער בן־עיר, דער שרייבער נ. שמן פון טאָראָנטאָ, האָט צוגעשיקט די אויסגאַבע, פון וועלכער מיר דרוקן איבער דאָס לייט־אַרטיקל פונעם פּרעזעס פון דער גמילות־חסדים קאַסע, דער קדוש ר' משה'לע אייזענבערג הי"ד און פון ש. י. סטופּניצקי.

די ערשטע גמילות־חסד־קאַסע אויף לובאַרטאָווסקע האָט זיך שוין איר פאַרקירצטן נאָמען, מיט וועלכן זי ווערט באַצייכנט דורך איר גרויסער צאָל מיטגלידער; מיט רעספּעקט ווערט זי אָנגערופן סתם „די קאַסע".

איך וויל אייך שילדערן, ווי אַזוי נאָר אַ דאַנק „די קאַסע" ערנערן זיך הונדערטער פאַמיליעס מיט אַ הלוואה פון 50 זל.. צי האָט איר געגלויבט, אַז מיט אַזאַ קליינע סומע, קאָן מען ווירקלעך אויפלעבן און זעטיקן קינדערלעך? באַקענט אייך מיט די מיטגלידער — און איר וועט אייך איבערצייגן.

1) אַ שטענדיקע מיטגלידערין פון דער גמ"ח קאַסע, איר האַנדל איז מיט גרינוואַרג אויפן טארג, די גאַנצע סחורה באַטרעפט 50—40 זל., אָבער ווו נעמט זי אַזאַ פאַר־מעגן?... אַ פערשטענדיקן ענטפער דערויף האָט געגעבן די קאַסע.

2) פון וואַנען לעבט אַ ייד? אָט קויפט ער אויף אַ הון, אַ קעלבל, אַ ביסל תבואה. ער לאַגערט עס נישט ביי זיך, נאָר פון האַנט צו האַנט פאַרקויפט ער און כאַפּט אַ פּאָר גראָשן. ווו אָבער האָט ער גענומען די ערשטע 50 זלאָטיס, וועלכע מען מוז צאָלן דעם פויער? — אַלץ „אין קאַסע".

3) זי האָט געשלאָסן אַ קאָנטראַקט... מיט דעם נאָענטן דאָרפס־פויער, ביי וועמען זי דאַרף אָפּנעמען די מילך פון זיינע בהמות. אין שטאָט צעטראָגט זי די מילך און פאַרדינט אויף לעבן. מען מוז אָבער קודם כל איינצאָלן דעם פויער 50 זלאָטיס — און ווו נעמט מען דאָס פאַרמעגן? — אַלץ „אין קאַסע".

4) דאָס פאָרפאָלק שטייט מיט אַ שטעלע אויפ'ן טארג, זיי פאַרקויפן יידישע קינדערלעך אַלדאָס גוטס: צוקערלעך, שאָקאָלאַד, באַניקערן. שווער איז אָבער געווען איינצוקויפן דעם לאַגער סחורה. פון אַ פערמעגן פון 50 זלאָטיס האָבן זיי קיינמאָל נישט געחלומט. אַ גוטער שכן האָט זיי אַרויפ־געפירט אין קאַסע און זיי האָבן זייער ציל דערגרייכט. אַלץ „אין קאַסע".

5) דער „יום־הדין" אין מאַגיסטראַט! מען מוז די דראָזשקע לאַקירן, אַלץ אַ ביסל איבערפּוצן און באַנייען. עס דאַרף אָבער קאָסטן 60—50 זל., צו וועלכע נישט יעדער דראָזשקאַזש קאָן גרייכען. אַ גאַנץ יאָר שטופּט מען דורך, אָבער וואָס טוט מען נאָך ניי־יאָר? ווו נעמט מען די סומע, צו קאָנען זיך דערהאַלטן ביי דער פרנסה? אַלץ „אין קאַסע".

6) זאָרגט אַ שניידערין: זי וואָלט געהאַט פרנסה בריווח, אָבער צו קויפן אַ מאַשין, מוז מען לכל הפחות געבען 60—50 זל. די ערשטע ראַטע, אָבער קיין געלט איז נישטאָ... זי באַקומט אָבער די סומע „אין קאַסע".

הונדערטער בילדער, זייער אינטערעסאַנטע. קאָנט איר זען אין דער גמ"ח קאַסע. אַלע קומען באָרגן געלט, כדי ערלעך צו האַנדלען און מיט צופרידנקייט באַצאָלן.

ווען איר ווילט עפּעס טאָן ממשותדיקס, שטיצט די קאַסע, עס זאָל קיין געלט נישט פאַרפעלן און דער קוואַל זאָל נישט אויסטרוקענען.

**משה אייזענבערג**
פאַרוואַלטונגס־פּרעזעס פון דער
ערשטער גמ"ח קאַסע אין לובלין

לובלין, מנחם־אב, תר"ץ.

# די אלטע „גמילות־חסדים" קאסע אין לובלין

## ש. י. סטופּניצקי

אין אַ צייט פון צענטראַליזאַציע, פאַרלאַמענטאַריזם און דעמאָקראַטיע, איז אַ ביסל אומעטיק צו לעבן אויף דער וועלט. מיר האָבן זיך שוין אַזוי איבערגעגעסן מיט די אַלע גוטע זאַכן, אַז עס קריכט שוין אָפּט פון האַלדז. עס ווילט זיך אָפּט אַנטלויפן ערגעץ ווייט, ווו מען וועט נישט הערן די אייביקע ויכוחים, נישט זען דעם געיעג נאָך כבוד און בענק־לעך. איינער אַ בערלינער דאָקטער איז אַוועק אויף אַן איינזאַם אינדזל, ווו ער לעבט ווי אדם הראשון, איידער ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ פאַרבאָטענער פרוכט. ער זיצט און לעבט פון גאָטס ברכה און לייענט ביכער. ווו נעמט מען אָבער אַזעלכע אינדזלען? צופעליק האָב איך געפונען אַזאַ אינדזל ביי אונדז אין לובלין — דאָס איז די אַלטע גמילות־חסדים קאַסע אויף לעווערטאָווער 5. דאָרט לעבן נאָך מענטשן, ווי איידער מען האָט געזינדיקט: דאָרט פירט זיך נאָך אַ גמילות־חסד, ווי אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן געפירט.

ס'איז די אַלטע גמילות־חסד קאַסע, אָבער גאַנץ אַלט איז דאָך די פירונג נישט. אַ ביסל האָט זיך אויך דאָ אַריינ־געגנבעט פון דער נייער צייט. ווען מען קומט נעמען אַ גמילות־חסד, וואָס קען דערגייען ביז 50 גילדן, מוז מען אָנשרייבן אַ דעקלאַראַציע און מען מוז ברענגען אַ זשיראַנט, אַן ערב. אָבער דאָס הייסט נאָר אַזוי לפנים. די קאַסע געהערט אייגנטלעך צו די מיטגלידער, ד. ה. צו די, וואָס קומען נעמען אַ גמילות־חסד. דער זשיראַנט איז אויך אַ מיטגליד, ד. ה. אַזעלכער וואָס באָרגט אַ גמילות חסד. קיין רייכע זשירען נישט און מען זוכט זיי גאָרנישט. דער בעסטער בטוח איז דווקא דער אָרימאַן, דער שותף אין דער קאַסע. ווען איינער קומט נעמען אַ גמילות חסד און ער שטעלט צו זיין זשיראַנט, זעט מען קודם נאָך, צי איז ער אַליין נישט שולדיק אַן אַלטן חוב. אויב עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער זשיראַנט האָט פאַר־געסן, אַז ער איז שולדיק אין דער קאַסע, דערמאָנט מען עס דעם איצטיקן קליענט. ער לויפט שוין און ער איז מעורר זיין זשיראַנט און יענער קומט און צאָלט איין אַ גילדן (טאַקע ממש אַ גילדן!) און ער איז שוין אין אָרדענונג, ער איז שוין ווייטער אַ בטוח און ער קען שוין זיין אַ ערב פאַר אַ צווייטן.

אָט דער פרימיטיווער סיסטעם און קעגנזייטיקער ערבות, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר צוועקמעסיק. ער פאַרהיט די קאַסע פיל בעסער פאַר פאַרלוסטן, ווי די אַלע קאָמאָרניקעס און עקזעקוטאָרן, מיט וועלכע אַנדערע באַנוצן זיך. נישקשה, דער דלות זאָרגט שוין פאַר זיין קאַסע, אַז זי זאָל קיין היזק נישט האָבן אין דער קעגנזייטיקער קאָנטראָל פון די מיט־גלידער היט און דערהאַלט די קאַסע.

מיטגלידער, ד. ה. שטענדיקע קליענטן, וואָס נעמען גמילות חסדים, האָט די קאַסע העכער זעקס הונדערט. ווער איז דאָרט אַלץ נישטאָ? דער גאַנצער לובלינער דלות איז דאָרט פאַרטרעטן. דעם אויבנאָן פאַרנעמען ווייבער: מילך־יידענעס, הענדלערקעס, קיישל־ווייבער, טאַרג־שטייערקעס. אָבער מאַנסבילן זענען גלייכבאַרעכטיקט. עס וואַרפט זיך דורך אַ פורמאַן, אַפילו אַ קצב, וואָס כאַפּט פופציק גילדן אויף אַ קעלבל. היינט די האַנדל־יידן, וואָס גייען איבער די

# די ערשטע טעג אין לובלין נאָך דער באַפרייונג



אויף אַ פּועלי־ציון פייערונג אין לובלין, אין יאָר 1946. שטייען פון לינקס: קופּערשטיין, יאַנקל גאָלדפינגער ז״ל, ל. שיפּער. זיצן, דער צווייטער און דריטער רעכטס: מאיר שילדקרויט און דוד שטאָקפיש. רעכטס, דער 1טער שטייט: נתן אייכענבוים ז״ל.

אין דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע" פון 3טן יאַנואַר 1981, האָבן מיר געפונען די ווייטערדיקע נאָטיץ וועגן לובלין:

אין יידישן קלוב אין לובלין איז פאָרגעקומען אַן אָוונט, געווידמעט דער 30־יאָריקער עקזיסטענץ פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן.

אין זיין אַרויסטריט האָט דער פאָרזיצער משה אַדלער דערמאָנט, אַז דער פאַרבאַנד האָט פאָרגעזעצט די טעטיקייט, וועלכע עס האָט אָנגעהויבן דער יידישער קאָמיטעט.

דער רעדנער האָט אָנגעוויזן, אַז לובלין איז געווען דאָס וויגעלע פון דעם צוריק־אויפגעריכטן יידישן ישוב נאָכן גרויסן חורבן. אין לובלין זענען אַנטשטאַנען כמעט אַלע יידישע אינסטיטוציעס, ווי דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, די יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע, דער „טאָז" און „אָרט". דאָ האָבן באַנייט זייער טעטיקייט אַלע פּאָליטישע ריכטונגען אין דער יידישער סביבה. לובלין איז געווען די שטאָט, וווּ ס'האָבן זיך געזאַמלט די רעשטלעך פון די על־פּי־נס געראַטעוועטע יידן. דאָ זענען זיי געקומען פון די נאַצישע פאַרניכטונג־לאַגערן, פון באַהעלטענישן, בונקערס, פון די פּאַרטיזאַנער־מחנות. זיי זענען געקומען אויסגעמאַטערטע פון הונגער און נויט, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן.

אַ דאַנק דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, האָבן זיי באַקומען אַ דאַך איבערן קאָפּ, מעדיצינישע הילף, באַשפּייזונג און קליידער.

נישט געקוקט אויף די שרעקלעכע איבערלעבונגען, האָבן זיי אָרגאַניזירט דאָס קולטור־לעבן.

די גאַנצע יידישע טעטיקייט האָט זיך קאָנצענטרירט אינעם אָרטיקן פּרץ־הויז, דורך וועלכן צענדליקער טויזנטער יידן זענען דורכגעגאַנגען אין די ערשטע טעג נאָך דער באַפרייונג. אינעם פּרץ־הויז איז פאָרגעקומען די ערשטע יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג „מירעלע אפרת" מיט אידאַ קאַמינסקאַ און מאיר מעלמאַן בראש.

דאָס פּרץ־הויז האָבן באַזוכט אונדזערע אויסלענדישע געסט, ווי יצחק גרינבוים, באַוווסטער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער טוער, דעפּוטאַט פון פּוילישן סיים, פּסח נאָוויק, הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרייהייט", די דיכטערין דאָרע טייטלבוים און אַ ריי אַנדערע אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן פון דער גאַנצער וועלט.

ווייטער האָט דער רעדנער אינפאָרמירט וועגן די צענטראַלע יובל־פייערונגען פון פאַרבאַנד אין שרודבאָרוו.

מיט רעפלעקסן האָט זיך געטיילט דער חבר אונגער. ער האָט דערמאָנט זיינע ערשטע טעג אין לובלין אַלס דעמאָביליזירטער פון דער רויטער אַרמיי. ער איז געווען ממש דערשטוינט, וואָס אין אַזאַ קורצע צייט נאָך דער גרויסער טראַגעדיע, איז געלונגען צו אָרגאַניזירן אויפסניי דאָס קולטור־געזעלשאַפטלעכע און רעליגיעזע לעבן. עס איז שוין געווען טעטיק אַ יידישע שול, אַ פאָרשול, אַ מעדיצינישע פּאָליקליניק, עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן האַנטווערקער־וואַרשטאַטן און אַרבעט־קאָאָפּעראַטיוון.

אַרומרעדנדיק דעם 30־יאָריקן יובל פון פאַרבאַנד, האָט חבר אונגער אָנגעוויזן אויף די דערגרייכונגען פון דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט, אונטערשטרייכנדיק, אַז נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן און קריזיסן, פאַרמאָגן מיר היינט אַזעלכע וויכטיקע אינסטיטוציעס, ווי דאָס יידישע מלוכה־טעאַטער, דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט, דאָס יידישע אָפּרו־הויז אין שרודבאָרוו, יידישע קלובן איבערן לאַנד און אונדזער צייטונג „פאָלקס־שטימע".

דערנאָך האָט דער עולם פאַרבראַכט ביי אַ גלעזל טיי, טיילנדיק זיך מיט זכרונות פון די צייטן פון דער אָקופּאַציע און פון די ערשטע יאָרן נאָך דער באַפרייונג.

משה אַדלער


## האָכהייזער העלאַ

פון דער היים גוטערמאַן און ניסענמאַן

— זוכט קרובים!

אַדרעס:

חיפה, קרית אליעזר, רח׳ צה״ל 67/7


הויפן — די זענען דאָך די עלטסטע ערן־מיטגלידער פון דער קאַסע.

אַזוי אַרבעט זיך די קאַסע, שטיל, אָן לאַרעם, העכער 25 יאָר. אַלע טאָג קומט זיך צוזאַמען די פאַרוואַלטונג, קוקט דורך די איינגעפלאָסענע דערקלאַראַציעס און טיילט גמילות חסדים. ביי אַ טויזנט גילדן אַ וואָך באַטרעפט דער אומזאַץ. און די אַרבעט ווערט געטאָן שטיל, מען הערט נישט קיין טענות, נישטאָ קיין פּאָליטיק. אין דער פאַרוואַלטונג זיצן מענטשן וואָס אַרבעטן שוין אין געשעפט 25 יאָר, אַזוי לאַנג ווי די קאַסע עקזיסטירט. זיי זענען ממש צונויפגעוואָקסן מיט דער אַרבעט אויף אַזוי ווייט, אַז טאָמער פעלט מזומנים, לויפט מען אין אַ באַנק און מען באָרגט, מען באַצאָלט די פּאָר גילדן פּראָצענט פון אייגענער קעשענע, אַבי די קאַסע זאָל, חלילה, נישט פאַרשעמט ווערן, זי זאָל האָבן די פּאָר גילדן מזומנים פאַרן קליענט.

ס'איז אַ שטיל אינדזל אינמיטן רוישיקן לובאַרטאָווער ים, ווו עס רוישט און קאָכט שטענדיק פון פּראָטעסטן און אינטריגעס. דאָרט פאַרגעסט מען, אַז מען לעבט אין אַ זינדיקער וועלט, פול מיט שנאה און קנאה. איצט אָבער האַלט דערביי, אַז דאָס אינדזל זאָל אַרויפשווימען אויף דער אויבערפלאַך פון אונדזער לעבן.

ס'איז געוואָרן 25 יאָר, זייט דער גמילות חסדים אַרבעט — און אַזאַ יובילעום פון ערלעכער, באַשיידענער, יידישמענטשלעכער אַרבעט, פאַרדינט אַז די ברייטע עפנטלעכקייט זאָל עס וויסן און געהעריק שטיצן. לובלין וועט פאַרשטיין ווי דעם יובילעום צו פייערן. גמילות חסדים איז פון די זאַכן, וואָס אין להם שיעור, בפרט אַזאַ מין קאַסע — פאַרדינט געוויס די גרעסטע שטיצע.

# וועגן דריי קאַטעגאָריעס יידן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן

דוד שטאָקפיש

באַמערקונג פון מחבר: הגם דער מאמר איז ניט געשריבן געוואָרן ספּעציעל פאַר „קול לובלין" און איז שוין דערשינען אין צוויי צייטשריפטן („פאָלק און ציון" און „ישראל־שטימע"), בין איך זיך מודה ומתוודה פאַר אונדזערע לייענערס, אַז די אידעע און אָנרעגונג צו באַרירן די דאָזיקע טעמע, איז אַן אויסגעשפּראָכן „לובלינערישע", ווייל גראָד אין די ראַמען פון אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס אין ישראל און אין די תפוצות, האָב איך זיך אָנגעשטויסן, מערער ווי אין אַנדערע געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס ווו כ'בין טעטיק, אויף אַזעלכע דריי קאַטעגאָריעס יידן...

אין כמעט אַלע וואָלונטערע אָרגאַניזאַציעס, געזעלשאַפטן, פאַרטייען, לאַנדסמאַנשאַפטן און אינסטיטוציעס זענען זיי בנמצא: 1) יידן מיט שטענדיקע טענות ומענות קעגן די וואָס טוען עפּעס. 2) יידן וואָס באַגנוגענען זיך מיט קריטיק — צום גוטן אָדער צום שלעכטן. 3) יידן וואָס טראָגן אויף זיך דעם עול און אחריות — מאָראַליש, געזעלשאַפטלעך, פינאַנסיעל. מיט אַנדערע ווערטער, און בקיצור: יידן וואָס קאָמפּראָמיטירן; יידן וואָס קריטיקירן און יידן וואָס רעהאַביליטירן.

לאָמיר אָנהייבן פון די לעצטע, הגם זיי געפינען זיך תמיד אין אַ גרויסער מינדערהייט און זענען אויך אויסגעשטעלט אויף אומאויפהערלעכע אַטאַקעס מצד די לייט פון די צוויי ערשטע קאַטעגאָריעס. דאָס זענען יענע טוערס, וואָס דאָס פאָלק האָט זיי געקרוינט מיט פאַרשידענע נעמען, ווי: עסקן, שליח־ציבור, קהלס פאַרזאָרגער, קהלס שייגעץ, אַקטיוויסט, געזעלשאַפטלעכער טוער, קאָכלעפל, שטאָט־פאַרזאָרגער, בטלן, משוגענער און נאָך און נאָך. די אַלע באַצייכענונגען זענען אויסן אונטערצושטרייכן דאָס פּאָזיטיווע און סאָלידע ביי די דאָזיקע מענטשן, וועמען עס גייט אין לעבן צו דינען דעם כלל, זיך מקריב זיין פאַר דער געזעלשאַפט און כסדר זאָרגן פאַר די אינטערעסן פון דער אָרגאַניזאַציע אָדער אינסטיטוציע פון וועלכער מען שטייט בראש, אָדער מ'איז דאָרט אַן אַקטיווער טוער.

מיר טרעפן זיך אָן אויף אַזעלכע העוסקים בצרכי ציבור — ערלעכע, ערנסטע, אויפריכטיקע, איבערגעגעבענע מענטשן, וואָס זענען גרייט מוותר צו זיין פון פּריוואַטן לעבן, פאַרנאַכלעסיקן די היים און משפחה, כדי לאַנגע שעהן זיך באַטייליקן אין זיצונגען, צוזאַמענטרעפן און פאַרזאַמלונגען, ווו עס ווערן באַהאַנדלט פּראָבלעמען פון כלל, ווי פון פרט. און טאַקע אויך — עפּעס טאָן, זיין אַקטיוו און איבערגעגעבן. נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן ווי אַ פרוי באַקלאָגט זיך אויף איר מאַן, אַז ער האָט מער אין זינען פרעמדע ענינים, ווי די אייגענע משפּחה; אַז אַ קהלישער ענין איז אים בילכער ווי אַן אייגן קינד...

אוודאי איז אין אַזאַ סאָרט באַשולדיקונג פאַראַן אויך איבערטרייבונג, וועלכע קומט אָבער פון היימישע, נאָענטע מענטשן, אָן יענער בייזוויליקייט און רשעות, מיט וועלכער עס צייכענען זיך אויס די „פּראָפעסיאָנעלע" קריטיקערס, צי געשווירענע פאַרלוימדערס און באַשמוצערס.

נעמט, צום ביישפּיל, די קריטיקערס (און קריטיק, ווי באַוווסט, איז פאַראַן אַ פּאָזיטיווע און אַ נעגאַטיווע). צי אויס געפילן פון קנאָה, אָדער פון אייגענער אומבאַהאָלפנקייט, צי אומווילן עפּעס צו טאָן לטובת הכלל, זענען זיי גרייט פון צייט צו צייט אויך לאָזן פאַלן אַ גוט וואָרט אויפן אַדרעס פון די טוערס, אפילו לויבן זייער איבערגעגעבנקייט, באַוווּנדערן זייער ענערגיע, מי, געדולד און גרייטקייט זיך מקריב צו זיין. אַזאַ אָפּשאַצונג מיט שבחים זענען אַ שטיקל פאַרגיטיקונג פאַר די וואָס זענען אַנגאַזשירט אין קהלישער אַרבעט און דערמוטיקט זיי ווייטער צו שלעפּן דעם שווערן, אומדאַנקבאַרן געזעלשאַפטלעכן וואָגן.

פאַראַן אָבער אויך קריטיקערס לשם קריטיק, צום בלויזן אַרונטעררייסן, וואָס אויף זיי איז געזאָגט געוואָרן, אַז „דער גלייכער איז ביי זיי קרום, און דער קרומער — גלייך". זייערע שלאָג־אַרגומענטן קעגן יעטוועדן עסקן: אַז ער זוכט כבוד, ער שטופּט זיך אויבנאָן, אַז מיט זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט איז ער נאָר אויסן צו זיצן אויפן בענקל. אַז מ'וויל שוין מיט אַזאַ איינעם טאָן אַ חסד, וואַרפט מען אים פאָר, אַז דערפאַר וואָס ער האָט נישט וואָס צו טאָן, נעמט ער זיך צו קהלישע זאַכן...

פון אַזעלכע יידן מיט אומצוטרוי, ספיקות, שפּאָט — איז שוין נישט ווייט צו די וואָס פאַרלוימדן און באַשמוצן, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט אַ פאַרטיקן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די ערלעכע און אויפריכטיקע שליחי־ציבור. זייער לייט־מאָטיוו אינעם רײדן און באַריידן: קהל איז אַ גנב... אויב ר' בערל גיט אַוועק טעג און נעכט פאַר געזעלשאַפטלעכע צוועקן, איז נישט אַנדערש, ווי — ער גנבעט! אַזאַ פאַרלוימדער אינטערעסירט נישט די ראַיעלע בוכפירונג, די אָפּשאַצונג פון דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע, די אָרנטלעכקייט פונעם „באַשולדיקטן" גופא. ער, דער בייזוויליקער קריטיקער, וואָס טוט אַליין גאָרנישט, ווייסט בעסער פון אַלע, אַז „צו קהל דערלייגט מען נישט". און אויב ער האָט נאָך פרנסה, לעבט ער אוודאי פון דער קהלישער שיסל...

ווי דערמאָנט, לאָזן זיך הערן די אַלע אומבאַרעכטיקטע באַשולדיקונגען נאָר מצד די וואָס שטייען אין דער זייט און זיי פאַלט אויך נישט איין מיטצוהעלפן. פונקט ווי זיי זענען די לעצטע עפּעס צו טאָן, אַזוי זענען זיי די ערשטע אַרונטערצורייסן און באַריידן.

אַזעלכע פאַרשוינען האָבן אין אַלע צייטן און אין רוב אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס דערפילט אַ שעדלעכע, דעסטרוקטיווע ראָל. מיר איז צופעליק אַריינגעפאַלן אין האַנט אַן אויסגאַבע פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק, דערשינען מיט אַ 50 יאָר צוריק, אין וועלכער עס זענען אָפּגעדרוקט „צען געבאָטן פאַר אונדזערע מעמבערס". אָט זענען אייניקע פונקטן פון יענע „עשרת הדברות":

- קומט נישט צו די מיטינגען. און ווען איר קומט שוין — קומט שפּעט.
- ווען עס רעגנט אָדער ס'איז הייס צי קאַלט, זיצט אין דער היים. זאָל אַ צווייטער גיין צום מיטינג.
- ווען איר קומט אַמאָל צו אַ מיטינג, זוכט נאָר חסרונות אויף די באַאַמטע.
- נעמט נישט אָן קיין אַמט — ס'איז לייכטער צו קריטיקירן יענעם.
- ווען מען פאַרלאַנגט פון אייך אַ מיינונג אין אַ געוויסער אָנגעלעגנהייט — מאַכט אַ שווייג. נאָר נאָכן מיטינג — „קאָכט זיך".
- איר אַליין טוט גאָרנישט, נאָר ווען אַנדערע טוען יאָ — דאַן שרייט געוואַלד, אַז אַ קליקע פירט די סאָסייעטי.

אַ סברה, אַז אויך אין די רייען פון יענער לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציע פון אַ קליין שטעטל אין פּוילן, וואָס האָט געשטרעבט אויפן אַמעריקאַנער באָדן גוטס טאָן אירע בני־עיר, האָבן זיך געפונען היימישע קריטיקערס, ציניש אָפּלאַכערס און אַרונטעררייסערס, וואָס האָבן אין די אַקטיווע טוערס געזען נישט עפּעס אַנדערש ווי קליקעס און פּערזענלעכע אַמביציעס. דערפאַר האָט עמעץ פון די פאַראַנטוואָרטלעכע יידן געהאַלטן פאַר נייטיק צו פאַרעפנטלעכן צען געבאָטן, וואָס זענען נאָך איצט אַקטועל און רעלעוואַנטיש פאַר אַ סך אָרגאַניזאַציעס און... זייערע באַריידערס.

←

ישעיהו שפיגל

# יעקב גלאטשטיין - דער שומר און מבשר (1896-1971)

דער שעפער פונעם קלאסישן עסיי, דער אומשטארביקער פראנצויז מאנטיין, האט אין איינעם פון זיינע עסייען, וואס טראגט דעם נאמען „ביכער" — אנאליזירנדיק די צוויי גרויסע פלוטארך און סענעקא, געשריבן, צווישן אנדערן, אזוי: „דאס, וואס איך גיב דא — דאס זענען בלויז מיינע אייגענע אויס־דוכטענישן, מיט וועלכע איך באמי זיך נישט צו אנטפלעקן די זאכן גופא, נייערט צו געבן בלויז זיך אליין. איך לאז דא רעדן אנדערע, נישט לויט מיינע מחשבות, נייערט בלויז דורך מיין אפקלייב, אז זיי זאלן מיר העלפן אין דעם, וואס איך קען נישט אזוי גוט זאגן".

ערגעץ־ווו איז זיך מתוודה יעקב גלאטשטיין:

„געוועזן איז מיין טאטע א טייערער ייד. איך זע זיין שאטן לעבן מיר. ער האט אזוי ווי געהייליקט זיין זון צו דער יידישער ליטעראטור. ער האט געבראכט אין שטוב אריין פאר מיר פרצן, שלום עליכמען, רייזענען. ער האט אנגעקוואלן ווען איך האב פארגעלייענט פון דער יידישער ליטעראטור. ס'זעט מיר אויס, אז ער האט געוואלט האבן א זון א יידישן שרייבער".

איך מוז עס זאגן שוין אין סאמע אנהייב, אז בעת כ'האב אין ארייַנפיר פון דאזיקן עסיי — געבראכט עטלעכע ציילן פונעם קלוגן, אלטן מאנטיין, איז נאר דערפאר, וואס זיי דארפן מיר דינען ווי א התנצלות, אויב איך וועל מוזן אנקומען, דא און דארט, צו פרעמדע מחשבותן, צו ציטאטן און מקורות — סיי פון יעקב גלאטשטיינען גופא און סיי פון אנדערע, כדי צו קענען באלייכטן אזא פילגעשטאלטיקע, קאמפליצירטע פערזענ־לעכקייט, — אזא שיר נישט, וואלט איך געזאגט, פענאמענאלע דערשיינונג, אזא זעלטענעם ביי אונדז משולח און מליץ־יושר פון יידישער קאנדענסירטער אלטער און נייער גייסטיקייט, אזא שומר פון יידישער שירה און פראזע, אזא פירשפרעכער פאר אונדזערע אלטע ירושה־תמציתן, וואס ווערן ביי יעקב גלאטשטיין אויסגעדריקט מיט נאסטאלגיע צו שלמות און צו יראת הכבוד פארן אמתן, לויטערן, קינסטלערישן ווארט.

אבער כדי ארומצונעמען גלאטשטיינס בנין, וואס ער האט פאר אונדז אויפגעשטעלט מיט אזוי פיל רוח הקודש און מיט אזא הארעפאשנעם שווייס און הארעוואניע (ער האט פון זיין אנקומען קיין אמעריקע „געארבעט אפשר אין פופציק שע־פער — און אין ערגעץ נישט געטויגט" — זאגט זיך אינעם בוך „שמועסן מיט יידישע שרייבער" פון יעקב פאט). כדי צו רעדן וועגן גלאטשטיינען — מוז מען זיך באנוצן מיט פיל דימענסיעס. ער איז, ווי מיר דוכט זיך, פון די געציילטע יידישע



יעקב גלאטשטיין ז"ל און זיין פרוי (זיצן, אין צענטער) אויף א צו־זאמענטרעף מיט לובלינער יידן אין בוענאס־איירעס, אין יאר 1964.

שרייבערס, וואס האבן אויסגענוצט יעדע ליטעראריש־קינסטלע־רישע דימענסיע און איז ארויס פון איר א זיגער, באנייער און מבשר.

ווארעם: וואס איז אייגנטלעך אזוינס **דימענסיע** אין שא־פן? — דאס איז פיל־שטחימדיק און פילפאכיק **זען** און **עמפינדן**: דאס איז פיל־שטחימדיק און פילפאכיק **הערן** און **דערהערן**; דאס איז: נישט קענען די גרענעץ פון קינסטלערישן הונגער און **דאך** — אפהיטן אין זיין שרייבערישער תאווה דאס מינדסטע מאס־שטריכעלע אויף דער גילדענער וואג, וואס הוידעט זיך ערגעץ־ווו צווישן מוח און הארצן, — די וואג, וואס קען אדער **איבערוועגן**, אדער געבן **פאלשע** וואג, יענע סייסמאגראפיש אינערלעך אויג און אויער, וואס קען **איבערזען** אדער **איבערהערן** אדער, חלילה, פארטושן דעם שעפערס קלא־רע, אויסגעבענקטע וויזיע. און ס'איז פאר מיר תמיד א ווונדער וואס די פיל־שטחימדיקייט פון יעקב גלאטשטיינס פראצע ווי א שרייבער, האט מיט גארנישט פארמינערט, אין קיין שום דימענסיע, די נאטירלעכע געשפאנטקייט פון זיין שעפערישן הונגער, נישט אראפגענידערט זיין הויכע גייסטיקע קולטור, זיין לשון און סטיל־מייסטערשאפט, זיין שטיין אויף דער וואך פון צימצום — אין ליד און אין עסיי, אין דער פראזע און אין דער קריטיק, כדי אנצוקומען צו שלימות פון מחשבה, פון ווארט און אידייע.

איך וועל נישט איצט — (און ס'איז אויך נישט מעגלעך אין די איצטיקע ראמען) — צעגלידערן יעקב גלאטשטיינס אלזייטיק שאפן אין אונדזער יידיש־קיניגרייך. און גראד ווי ס'איז שווער ארומצונעמען מיטן אויג די שיינקייט און בונטקייט פון א ריזיקן וואלד — אזוי איז שווער ארומצונעמען יעקב גלאטשטיינס גאנץ, צעאקערט שאפונג־פעלד.

פון די ביז איצט דערשינענע 18 ביכער, 18 קינסטלערישע גילדענע קאוואדלעס: פון פאעזיע און בעלעטריסטיק, — איבער די עסייען וועגן יצירה און קולטור־פראבלעמען, פון די לויטערע קריטישע עסייען וועגן אונדזערע קלאסיקער ביז צו די היינטצייטיקע יידיש־שעפערס — קוקט צו אונדז ארויס א רחבותדיקער פאלאץ מיט אנגעזאמלט גייסטיק האב־און־גוטס, געבויט מיט וואכזאמקייט, מיט חכמה און מיט ברכה. מסתם איז אין יעקב גלאטשטיין פאראן א ניצוץ פון לובלינער חוזה און פון די חכמי לובלין. פארליבט אין דער יידישער ליטערא־טור, אין יידישער שעפערישקייט, מיט דער ליבשאפט — (זאל מיר יעקב גלאטשטיינס נשמה מוחל זיין דא דעם אויסדרוק) — פון א **סאמבאמבוליקער אין בעסטן** טייטש פון דאזיקן ווארט — איז ער פאר אונדז געווארן אין דער ליטעראטור דער מבשר, דער שומר און אפהיטער פון יעדן טאלאנט־ניצוץ, פון יעדער געזונטער יידיש־יצירה, — כדי זיי אויפצוזאמלען אין

איז זיך פארצושטעלן א וואסער פנים עס וואלט געהאט אונדזער יידיש־געזעלשאפטלעך לעבן, מיט אלע זיינע בא־וועגונגען, פארטייען, אינסטיטוציעס, לאנדסמאנשאפטן, פי־לאנטראפישע חברות — אן דעם קאדער אידעאליסטן און אקטיוויסטן, וואס זענען בלב ובנפש אריינגעטאן אין קהלישער ארבעט. זיי, נאר זיי, די דאזיקע פאזיטיווע און קאנסטרוק־טיווע געשטאלטן, גיבן א תיקון, אן אינהאלט און ציל אינעם לעבן און באוועגן אויך אנדערע זיך איינצושפאנען אינעם יאך און רעהאביליטירן פאר איינוועגס די, וואס באגנוגענען זיך מיט קריטירן און קאמפראמיטירן אנדערע.

(„פאלק און ציון", ירושלים, יאנואר—פעברואר 1980, „ישראל־שטימע", תל־אביב, 20.2.80).

אונדזערע צעפּאַלענע שייערן, ווו ס׳בלאָזן אַזעלכע חרובדיקע, קאַלטע שטורעם־ווינטן. און ער אַליין, דער לובלינער כישוף־שמיד, הערט אַלץ נישט אויף צו קאָוועַן זיין אייגענעם וווּנדערלעכן וואָגן, וואָס לויפט פון די אַמאָליקע „תנכישע גרויסטראַקטן", איבער די יאַרהונדערטער פון בלאָנדזשענישן און זוכענישן, איבער דעם קרעמאַטאָריע־וועג פון אונדזער אומגליקלעכער תקופה, ביז צו די נייע, געפלאַסטערטע וועגן פון אונדזער ניי היימלאַנד — אָט דאָ, אויף דער דאָזיקער ייִדישער ערד, מיט אונדזער אַלטע ייִדישן בטחון אין אַ בעסערער דאָליע פון אונדזער פאָלק און אין זיין גייסטיקייט.

יעקב גלאַטשטיינס אַרכיטעקטאָניק פון דער שורה אין ליד און אין עסיי — איז תמיד אַ מין פונקען־וואַרפעריי, אָנגעלאָדנט מיט אידייע און חלום. בלויז די פונקען־שפּליטערס אַליין זענען מסוגל אָנצוצינדן אונדזער האַרץ און אונדזער מוח מיטן אומפאַרלעשבאַרן פייער, וואָס קומט פון גרויסער קינסטלערישער קראַפט; גלאַטשטיינס דינאַמישע קונסט איז פאַר אונדז אַ הייסע געזונטע בלוט־כוואַליע, וואָס רייניקט־אָפּ, שפּייזט די פאַרבאַרגנסטע צעלן און געבערט אין אונדז נייע, אַדער וועקט־אויף שוין לאַנג פאַרשטאַרבענע ייִדישע וועלטן.

ווילט זיך טיילמאָל פרעגן:

— וואָס זענען די כוחות וואָס נערן אונדזער פאָלקסגעניוס פאַר זיין שעפערישער התגלות? ווו איז צו זוכן דעם סוד, למשל, פון יעקב גלאַטשטיינס קרעאַטיוון, אימפּולסיוון וועלט־באַנעם? פון זיינע גוט־פּלאַנירטע אינספּיראַציעס, יאָ, בפירוש, **גוט־פּלאַנירטע,** — ווו איז דער מיטאָס פון דאָזיקן מענטשן, וואָס איז פול מיט דיכטערישער פּינעזיע, מיט גערייניקטער אַלט־ייִדישער חכמה, מיט באַכישער ווירטואָזיטעט אַלס מנגן, מיט בעל־שם־טובישער תמימות, מיט זיין הייסער סענסיביליטעט פון די חושים, וואָס זענען געפאַנגען אין אַלע זיינע שעפערישע דימענסיעס פון בטחון און טיילמאָל אויך פון ביטערן, פאַרצווייפלטן סקעפּטיציזם?

כ׳וועל פרווון אַנוואַרפן בלויז עטלעכע מחשבות, לכתחילה וועגן גלאַטשטיינס דיכטונג.

די מאַגישע, פּאָעטישע קיך, ווו ס׳ווערט צוגעגרייט דאָס שפּייז פון זיין אימפּולסיווער, נישט־געזעטיקטער, סאָמנאַמבולישער און גלייכצייטיק קאָמענסענסיקער, געצוימטער קונסט — ווערט ביי אים אָנגעפירט פון אַ בייטש פון אַן אויג, וואָס איז פון העכסטער, מאָראַלישער קאָנטראָל. דאָס אויג היט די וויזיע, כדי נישט צופיל צו באַשמעלצן און נישט צופיל צו באַוואָסערן, נישט צופיל צו פאַרדיכטן (פון וואָרט **געדיכטקייט**) און נישט צופיל צו פאַרדינען, (נישט פון וואָרט **פאַרדינען** אויף יענעמס חשבון) נישט צו פאַררויכערן מיט אויפהענגען פאַלשע הימל־סצענעריעס, נאָר געבן די „איבער אַלע גיפּפּלבדיקע רו" פון געטען דעם אָלימפּיקער — דאָס איז, — מיין איך, דער סוד פון גלאַטשטיינס פּאָעטישער, מאַגישער קיך. אַ פעסטונג פון קרישטאָלענער פרייהייט — דאָס איז זיין אינערלעכע דיכטערישע וועלט, כדי נישט צו באַנוצן דאָס גרויע, מידע וואָרט „מאָדערניזם", מיט זיינע אַלע נאָכהענגענדיקע פּסיכאָלאָגישע, פילאָזאָפישע צויטן. מיר זענען געפאַנגען ביי יעקב גלאַטשטיין פון דער האַרמאָניע צווישן דיכטערישן ציל און מיטל. דעם איינאיינציקן געפיל, וואָס ער גיט זיך איבער אָן רחמנות און מיט טיראַניע — דאָס איז זיין אימאַגינאַציע, אַפילו זי זאָל אים פאַרפירן אין לאַבירינטן, ווו ס׳איז תמיד נאַכט. „אַ גוטע נאַכט, וועלט" הענגט דאָרט ווי דער איינאיינציקער שטערן, וואָס לייכט. ער לייכט ווי „אַ בליץ־לאָמפּ" איבער אונדזער וועלט־פינצטערניש, וואָס זוכט טרייסט, תפילה און רחמים פאַר אַ שיינעם, גוטן הימל איבער אונדזערע קעפּ.

און דאָס אַלץ געשעט דערפאַר, מיר דוכט זיך, וואָס יעקב גלאַטשטיין פאַרמאָגט אין זיינע אַלע שעפערישע דימענסיעס עפּעס פון יענער גליקלעכער האַרמאָניע פון די חכמים: דעם צונויפמיש, די גלייכשאַלטונג, דעם מיזוג פון „קאַלאָס קאַגאַטאָס": וויסן, לעבנס־נסיונות און קינסטלערישן העדאָניזם. זיין ברייטער קריטישער האָריזאָנט, דער לירישער פּען־עסטעט, וועמענס יעטוועדער אַנאַליז דערמאָנט אינעם פראַנצויז סען בעוו און דעם אַמעריקאַנער עמערסאָן. דער זאַפט און די סובסטאַנץ פון זיין פּאָעטישער שורה ליגט נישט, ווי ביי אַנדערע דיכטער, פאַרבאַרגן הינטער זיבן גערונצלטע הויטן און מען דאַרף ערשט ביסלעכוויַיז אַראָפּוואַרפן אַלע הויטן ביז מען קומט צו צו דער געלייטערטער פּאָעטישער סובסטאַנץ. ביי גלאַטשטיינען איז שוין פון דער ערשטער שורה אַן אַלץ קלאָר, ער הייבט באַלד אויף דעם פאָרהאַנג איבער דער בינע פון זיין ווערק, אַזוי, אַז מיר ווערן תיכף אין זיין ווערק אָדער איידל פאַרוועבט, אָדער שטורמיק פאַרשלונגען, אָדער זינגענדיק פאַרגלעט, אָדער טיף־דנאָיִק אַראָפּגעצויגן אין אים, אַפילו מיט דער טרער. אַבער די טרער גלאַטשטיינס פליסט נישט צו לאַנג אין זיין פּאָעטישער שורה, וואָרעם ער ווייסט, אַז די טרער מוז מאַכן אַ וועג דער לויכטנדיקער, מענטשלעכער, זיגערישער האָפענונג פונעם דיכטער.

פאַראַן אַ מין רזין דרזין, אַ מין מיסטעריע, וואָס באַהויכט יעקב גלאַטשטיינס **אייגענעם,** יצירהשן צוגאַנג צום שאַפן. און אפשר דערפאַר **אייך** דערמאָנט דער דיכטער און עסייִסט אַליעזר גרינבערג אין זיין עסיי־אָפּשאַצונג פון גלאַטשטיינס לעצט לידער־בוך „פרייד פון ייִדישן וואָרט" די־אָ ווערטער: „בדרך כלל רעגט אים די **מיסטעריע,** ווי אַזוי אַ טעמע ווערט באַצויגן מיט הויט און ביינער... ווי אַזוי ס׳ווערט אין דער טעמע אַריינגעבלאָזן אַ לעבעדיקער, קינסטלערישער אָטעם... דורך ווערטער און צוזאַמענשפּיל פון ווערטער...". זאָגט ערגעץ־ווו גלאַטשטיין אַליין וועגן זיינע קריטישע עסייען: „איך שרייב קריטיק בדחילו ורחימו" אָדער: „קריטיק קען נישט תמיד אויסהאַלטן די צוואַנג־יאַקע פון פילאָזאָפישער געמיטלעכקייט". אַבער פונדעסטוועגן וועט איר ביי יעקב גלאַטשטיינען תמיד טרעפן אַ גענוג גרויסן גאָב פון קריטישן מידת הרחמים.

„מיר זענען ליבער — זאָגט ער — פון אַלץ אין דער טרויעריקער וועלט אונדזערער — **ייִדישע שרייבער".** דאָס איז שוין אַ לוי יצחקשער השתפחות הנפש. אָדער, למשל: „דער אָפּטימיזם פון שרייבן ייִדיש איז דאָס ליכטיקסטע וואָס מיר פאַרמאָגן, ווייל די מייסטע ייִדישע שרייבער באַשיינען אונדזער לשון". וואָס איך האָב אָבער מורא — זאָגט יעקב גלאַטשטיין — איז גיכער פאַר גראָבן אומדרך־ארץ. מיר האָבן זיך גענוג ליב, אָבער אונדז פעלט אַ ביסל דרך־ארץ איינער פאַרן צווייטן, אי פאַר דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור. די קלאַסיקער אין „דער ייִדישער ליטעראַטור זענען געוואָרן קלאַסיקער, ווייל ס׳איז דעמאָלט געווען אַזאַ טיף געפיל פון דרך־ארץ, נישט נאָר פון לייענער צו שרייבער נאָר פון שרייבער — צו שרייבערישע פערזענלעכקייטן. די גאַנצע גרויסע שרייבערגאַלעריע, וואָס זייערע נעמען קענען מיר אויף אויסנווייניק — איז אַנשטאַנען מחמת אַן אויפריכטיקן און אָפּשאַצערישן דרך־ארץ, וואָס איז **העכער** פון ליבשאַפט".

צי רעדט נישט דורך די־אָ רייד צו אונדז גלאַטשטיין — דער קריטיקער, וואָס נאָר בדחילו ורחימו האָט זיין פעדער, פול מיט דרך־ארץ צום ייִדישן וואָרט, פאַר אונדז אויפגעשטעלט אַזאַ נאָענטע, וואַרעמע, לעבעדיקע היים פון ייִדישן קריטישן עסיי?

דער שעפערישער אָנשטרענג ביים קריטישן אַנאַליז פון אַ ווערק שעפּט זייער אויס די זעלישע און פיזישע כוחות פונעם קריטיקער. דער ווילן צום שרייבן קאָן טיילמאָל שוואַכער ווערן און טיילמאָל ווערן אינגאַנצן פּאַראַליזירט — אָבער זעט וואָסערע ברכהדיקע כוחות עס נערן דעם שעפערישן יונגן גייסט פון אַזאַ קריטיקער ווי ס׳איז יעקב גלאַטשטיין. פאַר וויפל אומצאָליקע, אפשר הונדערטער, פּאָעטן, פּראָזאַיִקער און סתם פּען־מענטשן האָט ער אויפגעבויט אַ באַזונדערן באַלעמער, אָבער ער אַליין, גלאַטשטיין, בייט זיך נישט (און ווי ער זאָגט ערגעץ־ווו) „קיין לאָפּטשעס פון עמעצנס

גייסטיקער פּראַצע״. וואָרעם די פּערזענלעכקייט גלאַטשטיין ווייסט, אַז דאָס העכסטע ביי אַ שעפערישן מענטשן אין אונדזער היינטיקער צעווירבלטער תקופה איז — דאַווענען אין עניוות פון אייגענעם מחזור. און ער דאַוונט טאַקע, דער קריטיקער, דיכטער, עסייִסט, בעלעטריסט פון יענעם מחזור, וואָס ער האָט מיטגענומען אין דער וועלט מיט זיך פון לובלין, פון טאַטע־מאַמע־שטוב, ווו „דער שבת איז געווען גרויס — ווי גאַנץ לובלין״. ער האָט אים מיטגענומען אינעם לאַנד פון „שרייבערישע פּאַראַיבעלן און פאַרדרוסן״, אָבער זעט וויפל כוחות עס סטייעט אים נאָך אונדז אונטערצוטראָגן זיין וואַרעמע, הומאַניסטישע, פאַרליבטע, מענטשלעכע גוט־ברודערשאַפט און אמונה אין אונדזער ייִדיש שאַפן.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז שרייבנדיק וועגן אַזאַ קאַמפ־ליצירטער גבירהשער שעפערישער פּערזענלעכקייט ווי ס׳איז געווען יעקב גלאַטשטיין, האָב איך נישט וויניק שרייבערישע טרעמע. איך האָב שטאַרק מורא, אַז דאָס געזאָגטע זאָל נישט אַרויסקומען, חלילה, ווי אַ זיבעלע. אָבער אַז איך לייען ווי גלאַטשטיין אַליין זאָגט: „יעדער דיכטער איז דאָך בבחינת יוסף, וואָס וויל דווקא, אַז זיינע נישט־פאַרגינערישע ברידער זאָלן זיך קומען בוקן צו אים, ערשט אַז די ברידער קומען און בוקן זיך צו אים, ווערט ער ווייך ווי וואַקס און ער דער־זעט, אַז דאָס גאַנצע בוקעניש איז ווערט אַ שמעק טאַבאַק״, — אַז איך לייען די־אַ ווערטער, פאַרשווינדט אין מיר דאָס געפיל פון פחד און איך בוק זיך טאַקע צען מאָל טיפער פאַר אונדזער יוסף דיכטער, וואָס האָט געקענט אָנשרייבן די דאַ־זיקע קהלת־באַפליגלטע, שיינע, מאַנטייִנישע ווערטער.

ס׳געשעט טיילמאָל, אַז אַ קריטיקער, רעצענזירנדיק עמעצנס אַ ווערק, דעפינירט אומבאַוווּסטזיניק זיין אייגענע שעפערישע געשטאַלט צווישן די שורות. אַזוי געשעט אָפט, אַז גלאַטשטיין גיט אונדז די אייגענע פיזיאָנאָמיע און אַנטפּלעקט פאַר אונדז דעם סוד פון זיין שרייבערישער לאַבאָראַטאָריע. אָט, למשל, רעצענזירנדיק דאָס בוך „רומעניע״ פון שלמה ביקל, זאָגט ער צווישן אַנדערן: „ער (ביקל) מאַביליזירט דעם פולן כוח פון זיין שרייבערישער ענערגיע... ער איז קודם כל אַן עסטעט אין זיין שרייבן... אָבער ער איז אויך דערצו פונ־דאַמענטאַל... מ׳ווּעט ביי אים גאַרנישט אַראָפּדינגען פון דעם, פאַרוואָס ער שטעלט זיך איין... הינטער דעם פאַרזיכטיקן צו־זאַמענשטעלער פון שורות איז פאַראַן דער קאָאָרדינירטער שׂכל הישר, וואָס פירט מיט די שורות״.

צי איז דאָס נישט ווי אַנגעמאָסטן טאַקע פאַר יעקב גלאַט־שטיינען אַליין בעת ער פירט מיט דער פען?

איך האָב אין מיין עסיי אויסגענוצט גענוג ציטאַטעס אין איינקלאַנג מיטן מאַנטייִנישן עסיי און אַזוי אַרום אויך געלאָזט רעדן אַנדערע. כדאי צו ברענגען נאָך איינאיינציקן ציטאַט וועגן גלאַטשטיינס פּראָזע: „גלאַטשטיינס פּראָזע איז וויר־טואָזיש, שפּעדיק אַנגעלאָדן, אין דער זעלביקער צייט בצימ־צומדיק. ס׳איז דאָ אַן עלעגאַנטע בויגעוודיקייט און באַטעמטע ווילקלינגעדיקייט אין זיינע שורות... די יאַש־ביכער זענען איבערפולט מיט שפּראַך־מייסטערשאַפט... וויטאַליטעט, לעבע־דיקייט, קלאַרקייט פון די באַשרייבונגען און שילדערונגען... גרויס שאַרפקייט און פּרעציזקייט און די ראַפינירט־איראָנישע קלוגשאַפט, וואָס הויערט איבער דעם גאַנצן״.

און אָט קום איך שוין צום סוף פון מיינע מחשבותן. איך מוז אָבער צוריקגיין צום אָנהייב פון מיין עסיי, ווו איך האָב, נישט אָן טרויער, דערמאָנט דעם טאַטן פון יעקב גלאַטשטיין. דער 76־יעריקער טייערער ייִד און טאַטע איז טויט. אָבער די צוואה פון טויטן טאַטן איז מקוים געוואָרן. ער האָט געהייליקט זיין זון פאַר אַ גרויסן שרייבער פון ייִדישן פאָלק.

„איצט זענען מייַנע טאַטע-מאַמע באַלוינט —
מייַן קאָפּ איז באַקרוינט״

זינגט גלאַטשטיין. און נישט בלויז ער אַליין, דער לובלינער טאַטע, האָט אים געהייליקט. ס׳האָבן אים געהייליקט און באַקרוינט אַ סך מיליאָנען טויטע טאַטעס און אויך מיליאָנען פאַרשניטענע. פאַר זיי אַלע וויינט אויס זיינע קינות דאָס לובלינער קינד — יעקב גלאַטשטיין.

אונדזער ייִדיש לשון איז פאַרהייליקט דורכן חורבן און טויט פון אונדזער פאָלק. און אונדזער פאָלק איז פאַרהייליקט דורכן לשון ייִדיש. ייִדישע שרייבערס טראָגן איבער דער וועלט זייער זינגענדיק האַרץ אין נויט און אין קוועל. איינער פון די־אַ זעלטענע זינגערס איז געווען יעקב גלאַטשטיין.

ס׳איז אַ גרויסער זכות פאַרן פאָלק און אויך פאַר אונדז, ייִדיש־שרייבער, וואָס זיי האָבן געהאַט צווישן זיך דעם דאָזיקן זינגער און באַזינגער פון אונדזער עשירות און נויט. ס׳איז אַ גרויסער זכות פאַר דער אַלמנה ייִדיש, וואָס האָט געהאַט אַזאַ געבענטשטן זון ווי ס׳איז געווען יעקב גלאַטשטיין. ס׳איז אַ זכות וואָס מיר האָבן באַקומען אַזאַ שיינעם לויכטנדיקן בנין פון די הענט פון דאָזיקן מייסטער. זאָל זיין גרויסער זכות אונדז ביישטיין, אין אונדזער ביטער, שווער געראַנגל פאַרן המשך פון פאַרוואָגלטן און פאַרהייליקטן ייִדיש.

(„געשטאַלטן און פּראָפילן״, ליטעראַרישע עסייען. צווייט בוך. פאַרלאַג „ישראל־בוך״, תל־אביב, 1980, 150 זייטן)


ביכער פון לובלינער
וואָס דערשיינען בקרוב:

רוזשקע שניידמאַן־פישמאַן

מיין לובלין

זכרונות פון דער אַלטער היים ביז דעם חורבן.

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, ברנר 14.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן: צום פאַרלאַג; צו חיים קליגער, קרית גיורא 160/9, אור יהודה און ארגון יוצאי לובלין, תל־אביב, דיזנגוף 158.

משה זאַלצמאַן

די גרויסע ענדערונג אין יידישן לעבן אין פראנקריך

(פון דער 6־טאָגיקער מלחמה ביז 1980)

160 ז״ז, מיט בילדער • פאַרלאַג „ישראל־בוך״.

דוד שטאָקפיש

אין גאנג פון געשעענישן

זאַמלונג פון איבער 300 אַרטיקלען, פעליעטאָנען און רעפּאָרטאַזשן, דערשינענע פון יאָר 1945 ביז 1980 אין פיל צייטונגען אין ישראל און אין די תפוצות.

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פאָלגנדיקע אָפּטיילונגען: ישראל, אירע שכנים און די וועלט • גבורה, חורבן, צווייטע וועלט־מלחמה • מיט יידן אין די תפוצות • אויף ציוניסטישע און פאַרטייאישע טעמעס • אַ חשבון מיט מאָסקווע • פאָלעמיק (אַריינגעזאָגט) • מיין היימ־שטאָט לובלין און אַנדערע ישובים אין פוילן.

פאַרלאַג „ישראל־בוך״, תל־אביב.


teatrnn.pl

דוד שטאָקפיש

# אַ לעקסיקאָן וועגן חורבן, אַן אַנטאָלאָגיע פון גאַלגן־הומאָר

נחמן בלומענטאַל — ווערטער און ווערטלעך פון דער חורבן־תקופה. פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1981. 330 ז״ז.

מיר געדענקען דעם פיוט אקדמות, געלייענט אין שבועות פאַר קריאת התורה: ווען אַלע טייכן זאָלן זיין טינט, ווען אַלע ביימער זאָלן זיין פעדערס, ווען אַלע פעלדער זאָלן זיין פאַרמעטן... טאָ לאָמיר אָננעמען (און פאַראַפראַזירן), אַז מ׳האָט שוין אַוודאי פאַרנוצט אַ וועלט מיט טינט, אָן אַ שיעור פעדערס און אָן אומגעהויערע צאָל פאַרמעטן צו באַשרייבן די שואה — פון דעסטוועגן האָט מען נאָך אַלץ נישט דערגרונטעוועט דעם פאַרנעם פון דעם קאַטאַקליזם, זיין פולן שוידער, העראָיזם און מאַקאַברישקייט. די ביז איצט דערשינענע מעמואַריסטיק פון דער חורבן־תקופה, איר פּראָזע, פּאָעזיע און פּובליציסטיק האָבן נאָך ניט אויסגעשעפּט די טעמע אוישוויץ, מיידאַנעק, טרעבלינקע און סאָביבור. און פּונקט ווי עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז עס זענען נאָך פאַראַן „נישט געזעטיקטע" לייענערס פון דער חורבן־ליטעראַטור, אַזוי אויך פאַרמאָגן מיט אַ סך אַ סך, וואָס „האָבן שוין גענוג" די אַלע באַשרייבונגען און שילדערונגען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. און וויפל איז טאַקע דער שיעור ?!...

פון דעסטוועגן — רעקאָמענדיר איך פון גאַנצן האַרץ, סיי די „וואָס האָבן שוין גענוג", און אַוודאי און אַוודאי די וואָס האָבן זיך נאָך נישט צוגערירט צו אַ ספר וועגן יענער תקופה, זיי זאָלן זיך איינשאַפן נחמן בלומענטאַלס „ווערטער און ווערטלעך פון דער חורבן־תקופה" — אַ זאַמלונג פון איבער 2500 באַצייכענונגען, סילאָגיזמען, טערמינען און פאַרשידענע אויסדרוקן, געשאַפן פונעם פאָלק אין די יאָרן 1939—1945 אין די געטאָס, לאַגערן, פּאַרטיזאַנקע און אין די אַלע מקומות, וווּ דער היטלעריסטישער רוצח האָט פאַרשפּאַרט אונדזערע יידן. און זיי, די דערנידעריקטע, באַליידיקטע, געפּייניקטע, גערודפטע און אויסגעהונגערטע, אַפילו ווען דער חלף איז שוין געלעגן אויפן האַלדז, האָבן זיך באַנוצט מיטן לעצטן, אָבער ניט אַנטווישנדיקן געווער — **דאָס וואָרט!** דער וויץ, די פאָלקס־חכמה, אַ גלייכווערטל, אַרויסגעבערענגט אין טראַגישע אומשטענדן, האָט גורם געווען אַנטשפּאַנונג, פאַרלייכטערונג, אַרויסגערופן אַ שמייכל, צי אַפילו געלעכטער — און מיט דעם סאָרט כלי־זין האָט מען דערלאַנגט דעם שונא, צי אָראָפּגעריסן די מאַסקע פון אייגענע, אָדער אַפילו אָפּגעשפּאָט פון זיך אַליין. „אַ פּאַטש פאַרגייט און אַ וואָרט באַשטייט" — זאָגט אַ פאָלקס־ווערטל. אָן שום ספק, אַז בלומענטאַלס זאַמלונג פון ווערטער און ווערטלעך וועט באַשטיין לעולם ועד, ווייל דאָס איז אַ קאָמפּאַקטער לעקסיקאָן פון חורבן, אַן אַנטאָלאָגיע פון גאַלגן־הומאָר.

און נישט נאָר פונעם גערעדטן וואָרט איז דאָס אַ זאַמלונג, נאָר אויך פונעם פאַרשריבענעם — אין הונדערטער ביכער אין דער יידישער, העברעישער, פּוילישער, דייטשישער און



פּראָפ׳ נחמן בלומענטאַל מיט אַ גרופּע פון זיינע שילערס אין דער הומאַניסטישער גימנאַזיע אין לובלין.

רוסישער שפּראַכן, אָפּגערעדט פון צייטונגען, זשורנאַלן און אַנדערע פּובליקאַציעס. היינט שטעלט זיך פאָר, וויפל יאָרן האָרעוואַניע מ׳האָט באַדאַרפט אַריינלייגן אין אַזאַ בוך, ווייל יעדעס וואָרט דאַרט „האָט אַ טאַטן": דער מקור, ד.ה. דאָס בוך פון וואַנען מ׳האָט אַרויסגענומען די באַצייכענונג, דער מחבר, די זייט און אין וועלכן אָרט ס׳איז באַשאַפן געוואָרן, ווי אויך ווער ס׳איז דער פאַרפאַסער פונעם ווערטל.

שוין אין יאָר 1944, צומאָרגנס נאָך דער באַפרייונג, האָט נחמן בלומענטאַל אָנגעהויבן זאַמלען די ווערטער, ווי ער דערציילט אינעם אַריינפיר צום בוך (ז״ז 7, 9):

„ווען כ׳האָב אין מיט 1944 זיך געפונען אין מזרח פּוילן און געטראָפן מיטן קליין־ביסל יידן, האָב איך כמעט זייער לשון נישט פאַרשטאַנען. אַזעלכע שינויים זענען דאָ פאָרגעקומען אין משך פון דער קורצער צייט פון מיין אָפּוועזנהייט — אַ 3 יאָר. כ׳האָב געוואָלט וויסן, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען, יעדן פּרט און פּרט. פון דער צווייטער זייט, האָט יעדער איינער פון זיי, ,די איבערגעלעבטע' (אויסדרוק ,ניצול ה־שואה' האָב איך ערשט שפּעטער זיך באַקענט), גערן דערציילט, ווי געוואָלט פּטור ווערן פון דער גרויסער לאַסט וואָס דריקט אים. געשטערט אין געשפּרעך האָבן די אומצאָליקע ווערטער, מיט וועלכע די מענטשן האָבן זיך באַנוצט און וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען. ס׳איז געווען נייטיק איבערצופרעגן וואָס די ווערטער באַטייטן — און די צאָל אומפאַרשטענדלעכע ווערטער איז נישט געווען קיין קליינע. צווישן זיי זענען געווען אַזעלכע, וואָס נאָכן אויסשיילן זיי פון יידישן לבוש, האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי פרעמדווערטער, גענומען פון דייטש, פּויליש, אוקראַיניש. אין אַ קלענערער מאָס — פון אַנדערע שפּראַכן: רוסיש, אונגאַריש אאַנ״ד.

...אין 1943 איז אין וואַרשע, פּוילישן אונטערערד, דערשינען אַ זאַמלונג פון אַנטי־היטלעריסטישע וויצן און אַנעקדאָטן. אין בוך געפינט זיך אַ קאַפּיטל א.נ. ,יידישע וויצן'. דער אונטערערד — נישט נאָר דער פּוילישער — איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז גאַרנישט העלפט אַזוי דעם קאַמף קעגן היטלער־רעזשים, ווי אַ פּשוטער וויץ. קעגן אַ וויץ, איז אַפילו אַ דיקטאַטאָר ווי דער אַלמעכטיקער היטלער — מאַכטלאָז. דערפון די פאַרהעלטענישמעסיק גרויסע צאָל

הומאָריסטישע ביכער, זשורנאַלן, פלוגבלעטלעך אַרויסגעגעבן אין דער אָקופּירטער אייראָפּע אין פאַרשידענע שפּראַכן, דערונטער אויך אין דער דייטשער. אַפילו ערנסטע אומלעגאַלע אויסגאַבעס האָבן געהאַט ,הומאָריסטישע ווינקלען׳. אַזוי אויך די אומלעגאַלע יידישע פּרעסע, וואָס איז דערשינען אין אָקופּירטן פּוילן, דערונטער נאָר אַ טייל טאַקע אין יידיש״...

אמת ויציב! יידן האָבן זיך געוויצלט אויך אין די געטאָס, אין די טויט־לאַגערן און אַזוי אַרום רעאַגירט אויף די גזירות פון די אונטערדריקערס. דער גאַלגן־הומאָר האָט דערמוטיקט, גייסטיק און מאָראַליש באַוואָפנט די קרבנות, געוועקט צום קאַמף.

אין סעפּטעמבער 1941 ווערט אינעם רינגעלבלום־אַרכיוו („עונג שבת״) פאַרצייכנט אַזאַ פאָלקס־ווערטל, וואָס בלומענטאַל ברענגט עס אין זיין בוך ביים וואָרט היטלער: „היטלער האָט געפירט אין פּוילן אַ טאָטאַלע מלחמה; אין פראַנקרייך — אַ מאָמענטאַלע; אין ענגלאַנד — אַ פאַטאַלע; אין רוסלאַנד — אַ קאַטאַסטראָפאַלע״ (ז׳ 77). אָט דאָס הייסט אַ נבואה, דורכגענומען מיט אמתדיקן יידישן בטחון, אַרויסגעברענגט בסך־הכל 3 חדשים נאָכן אויסברוך פון דייטשיש־סאָוויעטישן קריג, ווען די ווערמאַכט האָט אָפּגעהאַלטן איבעראַשנדיקע נצחונות אויף אַלע פראָנטן. אָדער נעמט אַזאַ פאָלקס־חכמה, געבוירן אין שאַוולער געטאָ (ז׳ 80): „היטלער האָט באַשטימט אַ קאָנקורס אויף אַן אויפשריפט, וואָס זאַל אויסגעקריצט ווערן אויף זיין מצבה. עס זענען צוגעשיקט געוואָרן פיל פּראָיעקטן, נאַר קיין איינער איז אים ניט געפעלן געוואָרן. האָט מען זיך געווענדט צו אַ יידן. דער ייד, נישט טראַכטנדיק פיל, האָט אויפגעגעבן: שיינקייט, ריינהייט, אָפּפער. דאָס איז היטלערן זייער געפעלן. איז מען באַפאַלן דעם יידן: ס׳טייטש?! האָט ער געענטפערט: דער אויפשריפט באַטייט נישט מער, ווי ,אַ שיינע ריינע כפרה׳...

כמעט גאַנצע 2 זייטן (292, 293) אין דעם פאַרכאַפּנדיקן בוך, זענען געווידמעט דעם צעדולטן, אָבער זייער פּאָפּולערן ייד רובינשטיין אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס יעדע חכמה זיינע אָדער ווערטל, זענען גלייך צעטראָגן געוואָרן אין די פאַרפינצטערטע היימען און אַרויסגערופן אַ שמייכל אויף די טרויעריקע פנימער: „ייגגל, האַלט זיך״; „פאַרקויף די הויזן מיטן וועסטל, אויב נישט גייסטו אין קעסטל״; „שמאַלץ ווערט ביליק, ווייל די גבירים לאָזן זיך אויס״; רובינשטיין גייט אויף לעשנאַ, עסט ברויט. פרעגט מען אים: ,פון וואַנען באַקומען דאָס ברויט?׳ ענטפערט ער: ,ווער משוגע, וועסטו אויך האָבן ברויט׳; רובינשטיין טוט אָן אַ פרויען־קלייד. אין גאַס פרעגט אים עמעץ: ,פאַר וואָס?׳ זיין ענטפער: ,ווייל כ׳האָב נישט קיין ווייב, היינט בין איך מיין ווייב׳ ״...

עס בעט זיך צו ברענגען נאָך און נאָך אויסצוגן פון דעם זעלטענעם בוך, נאָר אין אַ רעצענזיע טאָר מען זיך נישט דערלויבן אַזאַ „לוקסוס״. טאָ לאָמיר דעם טייל פאַרענדיקן מיט נאָך אַ מעשהלע פון לאָדזשער געטאָ און פון רומקאָווסקין (ז׳ 255): „אין לאָדזשער געטאָ זענען געווען יידישע פייערלעשער. רומקאָווסקי, אין אַן עפנטלעכער רעדע, לויבט שטאַרק זיינע פייערלעשער: ,טאָג און נאַכט שטייען זיי אויף דער וואַך׳. רופט זיך אָפּ עמעץ פון קהל: ,און ווען שלאָפן זיי?׳ ענטפערט אים אַ צווייטער: ,ווען עס ברענט׳ ״...

*

און איצט — עפּעס וואָס וועגן מחבר, אַרויסגעבער, שפּענדער און אַנדערע ענינים:

וואָס שייך דעם מחבר, איז ער נישט קיין פנים חדשות אין דער יידישער ליטעראַטור, און גאַנץ באַזונדערס — אויפן געביט פון דער שואה־פאָרשונג. געבוירן אין יאָר 1902 איז באָרשטשיוו, מזרח גאַליציע. אין 1928 פאַרענדיקט די פילאָלאָגיש־הומאַניסטישע און פילאָזאָפישע פאַקולטעטן אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט. פון 1929 ביז 1939 — לערער אין די יידישע הומאַניסטישע גימנאַזיעס אין לובלין, שפּעטער — אין לאָדזש. אין פּוילן, נאָך דער באַפרייונג, איז דערשינען זיינע אַ דאָקומענטן־זאַמלונג אין פּויליש „אָבאָזי״ („לאַגערן״) און מעטאָדאָלאָגישע אָנווייזונגען צו זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דער חורבן־תקופה. דערנאָך — „סלאָוואַ ניעווינע״ („אומשולדיקע ווערטער״).

אין ישראל, ווו ר׳האָט עולה געווען אין יוני 1950, האָט בלומענטאַל רעדאַגירט די פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון בית לוחמי הגיטאות און דאָס בוך „פּאַמיענטניק יוסטינעי״ („טאָגבוך פון יוסטינען״), דערשינען אין פּויליש און עברית. צוגעגרייט צום דרוק די אויסגאַבן פון יד ושם: פּראָטאָקאָלן פון יודענראַט אין לובלין; פּראַטאָקאָלן פון יודענראַט אין ביאַליסטאָק. צוזאַמען מיט ד״ר קערמיש רעדאַגירט די דאָקומענטן פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. פאַרעפנטלעכט פיל אַרטיקלען אין צייטונגען, אין די ייוואָ־אויסגאַבן און פּעריאָדישע שריפטן. רעדאַגירט אַ 20 יזכור־ביכער פון אומגעבראַכטע יידישע קהילות.

שטעלט זיך טאַקע די פראַגע: צי אַ ייד מיט אַזאַ הויכן רעקאָרד פון פאָרשערישער, ליטעראַרישער און פּובליציסטישער אַרבעט, האָט נאָכן צונויפזאַמלען אין משך פון עטלעכע דרייסיק יאָר די טויזנטער ווערטער און ווערטלעך פון יענער תקופה, באַדאַרפט אָנקומען צו „פּריוואַטער איניציאַטיוו״ פון זשורנאַליסט עובדיה פעלד, ער זאָל צונויפזאַמלען די היינט־צו־טאָג ריזיקע סומע, כדי דער ספר זאָל דערזען די ליכטיקע שיין? ווו איז געווען יד ושם, ייוואָ, צי דער קיבוץ לוחמי הגיטאות — ווייל בעצם איז עס זייער אויפגאַבע צו באַשעפטיקן זיך מיט אַזאַ בוך און דערמעגלעכן זיין דערשיין. אַזש זיבן אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, און נאָך אַמאָל אַזוי פיל פּערזאָנען (2 פון ניו־יאָרק, 2 פון פּאַריז, 8 פון פראַנקפורט און 2 פון ישראל) האָבן זיך באַטייערט פאַר דעם צוועק. אָבער ווי נאָך לאַנג וועלן ביכער פון אַזאַ פאַרנעם און באַדייטונג, זיין אויסגעשטעלט אויפן „גוטן האַרץ״ און... קעשענע פון יחידים?

נאָר ווייזט אויס, אַז אויך אין זכות פון אַזעלכע ברייטהאַרציקע יידן און אָרגאַניזאַציעס, דערשיינען ווערטפולע ביכער. און איינס פון זיי, איז אָן שום ספק, נחמן בלומענטאַלס „ווערטער און ווערטלעך פון דער חורבן־תקופה״.

## נאָך אַ סטיפּענדיע א.נ. פון בעלאַ מאַנדעלסבערג־שילדקרויט ז״ל

דער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער אומגעקומענער פּעדאַגאָגין און היסטאָריקערין, בעלאַ מאַנדעלסבערג־שילדקרויט, האָט עטאַבלירט נאָך אַ סטיפּענדיע אויף איר נאָמען ביי דער קאַטעדרע צו פאָרשן דעם אומקום און גבורה א.נ. פון ד״ר מאיר דוואָרזשעצקי ז״ל, אויפן בר־אילן אוניווערסיטעט אין רמת־גן.

די סטיפּענדיע וועט פאַרטיילט ווערן סטודענטן וואָס פאָרשן די תקופה פון חורבן און ווידערשטאַנד אין די יאָרן 1939—1945.

# צו דער בר־מצווה פון אונדזער ערשט אייניקל / גיטעלע עדעלשטיין

די שורות ווערן געשריבן אין פֿאַרכטיקע טעג, ערב די ימים נוראים. אַ הימלישער ציטער נידערט אַראָפּ און פֿאַרכאַפּט דאָס האַרץ פון יעדן ייד, וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט אונדזער פֿאָלק.

עס זענען אַדורך די יאָרן פון אויסגעמאַטערטער וואַנדערונג פון לובלין, אין סעפּטעמבער 1939, ביז די סיבירער טייגעס און אוזבעקיש־קאַזאַכסטאַנישע קאָלכאָזן, וועלכע האָבן פֿאַרשלונגען אַ גרויסן טייל פון די פֿאַרצווייפֿלטע יידן, וואָס האָבן אין יענע שרעקלעכע טעג געזוכט אַ מקום מקלט אין סאָוויעטישן „גן־עדן" — און נישט אויסגעהאַלטן דעם שווערן נסיון. זיי האָבן ערגעץ־ווו אויסגעהויכט זייערע ריינע נשמות, ס'איז פון זיי קיין זכר נישט פֿאַרבליבן. נאָר דיין זיידע־באָבע האָט דער ביטערער גורל ביים לעבן געלאָזט און מיר זענען זוכה צו הערן די תפילה פון דיר, אונדזער ערשט אייניקל דוד־משה, צו דיין ווערן דרייצן יאָר.

אָבער אויך איצט: אין טעג פון פרייד, מעגן מיר מיט אַ שווערן געמיט אַ פרעג טאָן: ווי וועט אויסזען אונדזער ווייטערדיקער קיום? וועלן די קומענדיקע דורות בלייבן אמתדיקע יידן באַהאָפטן מיטן פֿאָלק?

מיין טיפֿער גלויבן, מיין קינד, אַז דו וועסט בלייבן מיט אונדז, וועסט גיין אויפן וועג פון דיין שטאַם!

דו, מיין טייער קינד, וואָס האָסט מיט דיין מאַמעס שלאָפּלאָזע נעכט און שווערע טעג, געשטעלט דיינע פּיסלעך אויף גאָטס געבענטשטער ערד, וועסטו ווייטער שפּאַנען מיט שטאָלץ אויף די וועגן פון יידישער אייביקייט, ווייל עס זענען אין דיר איינגעפלאַנצט די צען געבאָט, און אַלע אַנדערע מאָראַלישע און נאַציאָנאַלע ווערטן, וואָס וועלן פון דיר מאַכן אַן ערלעכן, געטרייען ייד און מענטש, טראָץ דעם וואָס די צייטן זענען שלעכטע און די דראָענדיקע געפֿאַרן — גרויסע. אָבער דו וועסט זיין וואַכזאַם צו דיין שטאַם און מיט דיין גאַנצן יידישן וועזן אָפּהיטן אונדזער אויסגעטרוימטע און אויסגעקעמפטע יידישע מדינה.

טייערער דוד מיינער! וועסט היינט אויסזינגען די פּרשה פֿאַרן אָרון הקודש, פֿאַר וועלכן טויזנטער און טויזנטער ברידער דיינע האָבן פֿאַרגאָסן זייער אומשולדיק בלוט, בכדי צו קענען לעבן מיט זייער אמונה. ביזט היינט געוואָרן 13 יאָר אַלט, היינט איז דיין בר־מצווה — און דו ווערסט אַריינגעפלאָכטן אינעם רינג פון יידישן לעבן און יידישן המשך. לאָמיר האָפן, אַז דו וועסט אויסוואַקסן און זוכה זיין צו דינען דיין פֿאָלק און דיין לאַנד — ישראל.

קינדער אין דיינע יאָרן, האָבן אין יענע שרעקלעכע טעג איבערגעלעבט אַלע מדורי־גיהנום אין די געטאָס און לאַגערן. זיי האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן צו גנבנען אַ שטיקל ברויט, כדי צו דערהאַלטן די אויסגייענדיקע נשמות פון זייערע טאַטע־מאַמעס, שוועסטער און ברידער.

און דו, מיין טייער קינד, האָסט דערלעבט דעם זכות, אַז דיין פֿאָלק האָט נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות צוריק אויפגעבויט זיין אייגן לאַנד, געוואָרן אַ פֿאָלק מיט פעלקער צוגלייך.

זיי שטאָלץ מיט דיין מאַמען, וואָס האָט אַן אמתדיק יידיש האַרץ און שפּאַנט אויף דעם וועג, וואָס אירע טאַטע־מאַמע האָבן איר אָנגעוויזן. זיי האָבן דיר געגעבן אַ וועלטלעכע דערציונג, אָבער נישט ווייניקער — אַ יידישע דערציונג. איז טאַקע נישט קיין וווּנדער, ווען זי האָט פֿאַרגאַנגענעם יום־כיפור, פֿאַר נעילה, געשטראַלט פון פרייד, ווען זי האָט דיך געזען אין דער גרויסער שול פון רי דע לאַ וויקטואַר, איינגעהילט אין דיין טליתל, צוזאַמען מיט דיין שוועסטערל, זיך צושטופּן צום באַלעמער פון פּאָרנט, צו זיין וואָס נענטער פון הרב הראשי פון פראַנקרייך, הרב יעקב קאַפּלאַן, בכדי צו שטיין אונטערן טלית, וועלכן ער האָט אויסגעשפּרייט איבער די קינדערישע קעפּלעך, כדי זיי צו בענטשן. טאַקע דעמאָלט איז דיין טייערע מאַמע געשטאַנען פון ווייטן און געשעפּטשעט אַ שטילע תפילה, אַז אירע קינדער זאָלן פֿאַרבלייבן ערלעכע און שטאָלצע יידן.

ווועלן מיר היינט מיט פולער דערהויבנקייט פייערן דעם יום־טוב פון דיין בר־מצווה און דיך בענטשן מיט אַלע גוטע ברכות. קודם־כל, זאָלסטו געהערן צום לעצטן דור פון מלחמות און צום ערשטן דור פון אַן אמתדיקן שלום פֿאַר דער מענטשהייט, פֿאַר אנדזער פֿאָלק און פֿאַר אונדזער מדינת ישראל.

הלוואי!

(„אונזער וואָרט" פּאַריז, 4.10.80)

---

# שעתיים נמשכה הפגישה בין ישראל (קורט) הרץ ולך ואלנסה

„לך ואלנסה התרגש מאוד כשגילה מולו נציג מישראל הדובר פולנית רהוטה" — סיפר ישראל הרץ, איש המחלקה המדינית בהסתדרות, על פגישתו עם מנהיג אירגון „סולידאריות", במסגרת כינוס אירגון העבודה הבינלאומי שהתקיים בחודש שעבר בז'נבה.

ואלנסה פגש את הנציג הישראלי במסדרונות הוועידה וביקש לשוחח עימו במלונו, הרחק מאמצעי התקשורת הסקרניים ובאווירה בלתי־פורמאלית. במשך שעתיים תמימות קיימו ואלנסה וישראל הרץ שיחה ידידותית וגלויה. ההתעניינות שגילה מנהיג „סולידאריות" בפעילותה של ההסתדרות ובמתרחש בישראל בכלל, גברה על נכונותה לספר על מאבקיו של האיגוד הפולני הניצב במרכז החדשות.

מספר הרץ: „לך ואלנסה נראה נרגש במיוחד כשהוברר לו, במהלך השיחה, שאני מכיר את תרבותה של פולין ושמוצאי מהעיר לובלין, הנחשבת למקום קדוש לבני הדת הקאתולית. הוא העיד על עצמו שהוא קאתולי אדוק ומעריצו של הקארדינאל וישינסקי המנוח".

נציג ההסתדרות התרשם כי לך ואלנסה ושאר ראשי „סולידאריות" משקיעים מאמצים כדי שלא תינתן גושפנקא פוליטית למאבקם ואף אין להם כל יומרה להפוך את איגודם למפלגה. לפיכך נזהרים ואלנסה וחבריו מפני כינון קשרים רשמיים וגלויים עם איגודים מקצועיים או תנועות פוליטיות במדינות המערב. כך, למשל, בשיחה קצרה שקיים עם ואלנסה גדעון בן־ישראל, חבר הוועדה המרכזת של ההסתדרות, שהשתתף אף הוא בכינוס אירגון העבודה הבינלאומי, הזמין בן־ישראל את ואלנסה לביקור בישראל. לך ואלנסה לא דחה, אמנם, את הרעיון „לקפוץ" לכאן, אך נמנע ממתן הבטחה מפורשת בעניין זה.

הרץ מעריך, שוואלנסה יימנע מלבקר באיזורים רגישים — וישראל בכללם — כדי לא לפתוח חזית חדשה עם שלטונות פולין או אף עם „האח הגדול" שמעבר לגבול המזרחי. אין הוא חפץ שיאשימוהו בניהול מאבק פוליטי נגד הממשלה בפולין, אלא רצונו לשמור על תדמית של לוחם למען ענין מקצועי־כלכלי ופנים־ארצי בלבד, תוך הסתפקות בהבעת תמיכה והזדהות מצד אירגונים מקצועיים ברחבי העולם.

גם בשיחה — הלבבית והמעמיקה כשלעצמה — בין ישראל הרץ לבין לך ואלנסה, לא סוכם יותר מאשר על החלפת סמלים ומסמכי מידע בין שני האירגונים.

(הפגישה התקיימה בראשית אוגוסט '81)

# צוטייל פון סטיפּענדיע א. נ. פון בעלא מאַנדעלסבערג־שילדקרויט

דעם 29סטן אַפּריל ה. י. איז אין אודיטאָריע־זאַל 01 אין תל־אביבער אוניווערסיטעט, פאָרגעקומען די יערלעכע פאַרטיילונג פון דער סטיפּענדיע א. נ. פון דער היסטאָריקערין פון דער ייִדישער לובלין, די פּעדאַגאָגין בעלאַ מאַנדעלסבערג־שילדקרויט, וואָס האָט געטיילט דעם טראַגישן גורל פון די איבער פערציק טויזנט קדושים פון לובלין, קרבנות פון די נאַצישע רציחות.

די סטיפּענדיע איז עטאַבלירט געוואָרן פון אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער אומגעקומענער היסטאָריקערין, באַזאַמען מיטן אוניווערסיטעט אין תל־אביב און דעם ארגון יוצאי לובלין אין ישראל.

היי־יאָר איז פּרעמירט געוואָרן די סטודענטין־פאָרשערין רות בראודע פאַר איר אַרבעט איבערן טאָגבוך פון ד״ר שוואַרצבאַרט (וואָס האָט, אגב, קאַנדידירט צו די צווייטע סיים־וואַלן אין פּוילן אין לובלינער קרייז, אויף דער אַלגעמיין־ציוניסטישער ליסטע).

אין זיין איינלייטונג־וואָרט, האָט פּראָפ׳ דניאל קאַרפּי, דירעקטאָר פון דער אָפּטיילונג פון אומקום און גבורה ביים אוניווערסיטעט, זיך אָפּגעשטעלט אויף דער איצטיקער לאַגע פון די ייִדישע ישובים אין דער וועלט, די דערשיינונגען פון אַנטיסעמיטיזם און נעאָ־נאַציזם. פאַראַן היינט־צו־טאָג לענדער, ווו ס׳איז קיינמאָל נישט געווען קיין ייִדן, דאָך באַווייזן זיך דאָרט שטימונגען פון אַנטי־ייִדישער העצע און שנאה.

אַדוו. חיים קאָסאָווסקי־שחור האָט אין נאָמען פון קאָמיטעט צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון בעלא מאַנדעלסבערג־שילדקרויט מיטגעטיילט, אַז אויך אויפן בר־אילן אוניווערסיטעט אין רמת־גן איז עטאַבלירט געוואַרן אַן ענלעכע סטיפּענדיע אויף איר נאָמען, ווי אויף די אוניווערסיטעטן אין ירושלים און תל־אביב.

די לאורעאַטין פון דער היי־יאַריקער פּרעמיע, רות בראודע, האָט אין אַן אינטערעסאַנטן רעפעראַט דערציילט וועגן איר פאָרש־אַרבעט אַרום ד״ר שוואַרצבאַרטס טאָגבוך, געשריבן אין די יאַרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

רות בראודע איז די זעכצנטע, לויט דער ריי, פּרעמירטע פונעם פאָנד א. נ. פון בעלא מאַנדעלסבערג. ביז איצט האָבן באַקומען סטיפּענדיעס 16 סטודענטן פאַר זייערע דיסערטאַציעס אד״ט „אומקום און גבורה״ אָדער וועגן ייִדישן לעבן אין פּוילן. פון די 16 אַרבעטן, זענען 7 וועגן לובלין.

ס׳וואָלט געווען אַ יושר אַרויסצוגעבן אין בוך־פאַרם די דערמאָנטע אַרבעטן, וואָס וועלן זיין אַ וואָגיקער צושטייער צו דער חורבן־ליטעראַטור און צו דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק. לובלינער ייִדן אין דער וועלט און אין ישראל וואָלטן באַדאַרפט העלפן רעאַליזירן דעם פּראָיעקט, וואָס נעמט אויך אַרום באַלערנדיקן מאַטעריאַל פון דער ייִדישער לובלין.

מ.

# קולטור־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע באַערט קאַפּל מיזשעריצקי צו זיין ווערן אַ בן שישים וחמש

אין הויז פון צענטראַלן קולטור־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן, איז דורכגעפירט געוואַרן אַ באַערונג פאַרן סעקרעטאַר און לאַנגיאָריקן נאַציאָנאַלן און שול־עסקן קאָפּל מיזשעריצקי צו זיין ווערן אַ בן שישים וחמש. עס האָט זיך פאַרזאַמלט דער גאַנצער אַקטיוו, פריינט, חברים און פאָרשטייער פון אינסטיטוציעס, אויף אַ באמת האַרציקער מסיבה פון פאַרדינטער אָפּשאַצונג.

הערש קאָווענסקי, פאָרזיצער פון צענטראַלן קולטור־פאַרבאַנד האָט אָנגעהויבן זיין אַריינפיר־וואָרט מיט דער באַמערקונג אַז הגם דאָס ווערן אַ בן שישים וחמש איז אַ פּריוואַטער ענין, האָט הינטער זיך קאָפּל מיזשעריצקי גאַנצע פופציק יאָר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, אָנהייבנדיק פון זיין היים־שטאָט לובלין, אין ייִדיש־נאַציאָנאַלע, יוגנט, קולטור און ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס, מיט אַ גרויסן המשך אין ייִדישן בוענאָס־איירעס, ווי דער סעקרעטאַר פון צענטראַלן קולטור־פאַרבאַנד. ער האָט אים געווונטשן אַ סך שעפערישע און פּרוכטיקע יאָרן.

מאַרק טורקאָוו, ערן־פּרעזידענט פון צענטראַלן פאַרבאַנד, האָט אָנגעוויזן, אַז די דאָזיקע מסיבה איז אַן אָפּשטעל אויף אונדזער שווערן וועג, כדי אויסצודריקן פריינטשאַפט און אָנערקענונג אַ פאַרדינסטפולן אַקטיוויסט צו זיינע 65 יאָר. דאָס איז אויך אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַרן דאָזיקן שיכט מענטשן, וואָס האַלטן אויף אין היגן ישוב די טראַדיציע פון פאָלקסטימלעכער ייִדישקייט.

דער קולטור־סעקרעטאַר פישל בראָנשטיין האָט אין זיין אָפּשאַצונג־וואָרט באַטאָנט, אַז דער צענטראַל פאַרבאַנד האָט זיך געפונען אין מצב פון ירידה, ווען קאָפּל מיזשעריצקי האָט איבערגענומען דעם סעקרעטאַריאַט — און אַלצדינג האָט זיך געענדערט לטובה.

מיט ווייטערדיקע אָפּשאַצונגען האָבן נאָכגעפאָלגט די לאַנדסמאַנשאַפטלעכע אַקטיוויסטן: זילבער, דוד קלאַוויר פּרעזידענט פון לובלינער לאַנדסלייט פאַריין, בערל זיידאָרף און לעאָן מיטלמאַן. אַ בן עיר פון לובלין, האָט פאָרגעלייענט דעם לעצטן בריוו פון זיין ברודער שלמה, אַ קאָמבאַטאַנט, וואָס איז געפאַלן אויפן פראָנט אין יאָר 1944 אין די לעצטע קאַמפן קעגן די נאַצי־אינוואַדאָרן און געשילדערט זיינע איבערלעבונגען ביים אַרויסגעבן דאָס בוך פון זיין ברודער אין ייִדיש און עברית: „בריוו פון פראָנט״.

עס האָבן נאָך באַגריסט: מאַלימאָווקאַ אין נאָמען פון „משה העס״ צענטער; פרוי האָלצמאַן פון דעם פרויען אַקטיוו ביים צענטראַלן פאַרבאַנד און די אַקטיוויסטן פרענקעל, משה לעבענדיקער, פרידמאַן און משה קויפמאַן, דער רעדאַקטאָר פון „די פּרעסע״, וואָס האָט אַרויסגעהויבן דעם ביישטייער פון די פּוילישע ייִדן פאַרן היגן ייִדישן לעבן. דער עצם פאַקט, וואָס דער פאַרלאַג פון פּוילישן ייִדנטום האָט אונטער דער רעדאַקציע פון מאַרק טורקאָוו באַוויזן אַרויסצוגעבן איבער 170 ייִדישע ביכער, וואָגיקע ליטעראַרישע, פּובליציסטישע און היסטאָרישע ווערק, האָט נישט נאָר דערהויבן דעם ישוב ווי אַ גרויסן ייִדישן קולטור־צענטער, נאָר האָט אויך פאַראייביקט דעם שם פון ייִדישן בוענאָס־איירעס.

נאָכדעם ווי די פרוי פרענקעל און די יונגע שנור פון באַערטן, האָבן צוגעטראָגן דער פרוי מיזשעריצקי אַ בלומען־מתנה, איז קאָפּל מיזשעריצקי אַרויסגעטראָטן מיט זיין ענטפער־וואָרט. ער האָט געדאַנקט פאַר דער אָפּשאַצונג און געשילדערט זיין אָנקום אַהער אין 1934, אין 18־יאָריקן עלטער. ער האָט מיט גרויס יראת הכבוד דערמאָנט זיין מורה הדרך שלמה מיטעלמאַן ז״ל אין לובלין, זיין באַזוך אין ישראל אין 1964 און פאָרגעלייענט שטעלן פון זיינע פאַרצייכענונגען אין יזכור בוך פון לובלין און פון בוך „בריוו פון פראָנט״ פון שלמה מיטעלמאַן און אויסגעפירט, אַז אַלצדינג איז געווען כדאי, צו לעבן ייִדיש־נאַציאָנאַל און מענטשלעך.

דער זון, מענדל מיזשעריצקי, האָט אין נאָמען פון דער משפחה האַרציק געדאַנקט פאַר דער אָפּשאַצונג און דער פאָרזיצער הערש קויאַווסקי האָט געשלאָסן די דערהויבענע מסיבה.

(„די פּרעסע״, ב. איירעס, 12.6.1981)

# אין דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל

**א. זאַמדער**

אויך דאָס אָפּגעלאָפענע יאָר תשמ״א (1980־81), איז ניט געווען קלענער אין אויפטוען, פּראָיעקטן, דערגרייכונגען און אונטערנעמונגען, ווי די פאַרגאַנגענע יאָרן. די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט איר טעטיקייט צו פאַראייביקן די קדושים און די שטאָט, זאָרגן פאַר די נויטבאַדערפטיקע און רעאַליזירן אייניקע וויכטיקע פּלענער.

זאָל אויך געזאָגט ווערן, אַז די אַרבעט וואָלט געווען אַ פּיל ברייטערע, אינטענסיווערע, ווען די צאָל אַקטיוויסטן זאָל זיך פאַרגרעסערן. ווען אייניקע לאַנדסלייט זאָלן באַקומען חשק צו טראָגן דעם עול, העלפן „שלעפּן דעם וואָגן״ — אַנשטאָט פאָדערן פון אַנדערע, אָדער בלויז קריטיקירן.

נאַר לאָמיר דערציילן, בקיצור, וועגן דעם וואָס ס׳איז געטאָן געוואָרן. וועגן די פּלענער מיט וועלכע מיר טראָגן זיך אַרום, מיט דער האָפענונג אַז זיי וועלן רעאַליזירט ווערן — שרייבן מיר אויף אַן אַנדער אָרט.

## די יערלעכע אזכרה

דער אָוונט פון 24סטן נאָוועמבער 1980, וועט אויף לאַנג בלייבן איינגעקריצט אין זכרון פון די, וואָס זענען געקומען אין בית העמלין אין תל־אביב זיך מתייחד זיין מיטן אָנדענק פון די קדושים פון לובלין, וואָס זענען אומגעקומען פון די דייטשישע רוצחים. דער אויפטריט פון 20 תלמידים פון 8טן קלאַס פון דער פאָלקס־שול „עלומים״ אין רמת־השרון, האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די איבער 200 יידן פון לובלין. די קינדער, אין אַ ספּעציעל צוגעגרייטן פּראָגראַם דורך די לערערינס ציפּי גזית און בינה גרשוני, האָבן אין וואָרט, קלאַנג און ריטמיק געבראַכט צום אויס־דרוק די יידישע מאַרטיראָלאָגיע און גבורה אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. רירנדיק איז געווען דער „אל מלא רחמים״ פון חזן י. סאַמעק, ווי דאָס אָנצינדן די זעקס ליכט פון ראָז ווײַן, שרה (סויקה) ערליכמאַן, חוה׳לע עדעל־שטיין, זאַשע הערץ, צעשע פישער־טראַכטענבערג, לאה קוריס.

דער סעקרעטאַר מ. האָרן האָט מספּיד געווען די פאַר־שטאָרבענע אין לעצטן יאָר, און דער פאָרזיצער, דוד שטאָק־פיש האָט אין אַ לענגערן רעפעראַט אַרויסגעבראַכט די פּראָ־יעקטן און מחשבות פון קאָמיטעט וועגן פאַראייביקן די יידישע לובלין. ליידער, האָט קיינער פון די אָנוועזנדיקע נישט געפונען פאַר נייטיק צו נעמען אַ וואָרט אין דער פראַגע, פאָרלייגן עפּעס נייעס און אַנדערש, אַזוי אַז דער קאָמיטעט איז געווען פריי צו באַשטימען אין דעם ענין, לויט זיין איינזען.

## אין טאָג פון גבורה און אומקום

אויך אינעם אַלגעמיינעם, מלוכהשן „יום השואה והגבו־רה״, פאַרגעסן מיר נישט אין אונדזערע קדושים. ביי דעם לובלינער מאָנומענט אין נחלת־יצחק, זאַמלען זיך צונויף יעדעס יאָר אַ גרויסע צאָל לאַנדסלייט. ישראל (קורט) הערץ האָט גערעדט וועגן דער יידישער לובלין. „אל מלא רחמים״ און קאַפּיטלעך תהילים האָבן מיר געהערט פון ת. ה. קאַנטאָר. שמואל שפּירא, פאָרזיצער פון די לובלינער אין פראַנקרייך, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער באַדייטונג פון יום השואה והגבורה (זיין רעדע ברענגען מיר באַזונדער). די זעקס ליכט ביים מאָנומענט האָבן אָנגעצונדן: געניע שפּירא (פּאַריז), רחל ראָזנבלום (פּאַריז), סאַני שטייגעל־אָשאַל (הרצליה), יוסף פּאַכצאַש (סידני), דזשודי דזשאָזעפס (ניו־יאָרק), לאה קוריס.

## אויפנאַמעס פאַר געסט פון אויסלאַנד

ס׳איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציע צו טרעפן זיך מיט אונדזערע געסט פון אויסלאַנד אין חול־המועד פסח, ווען זיי קומען קיין ישראל פאַרברענגען דעם חג החרות און יום העצמאות. ביי דער געלעגנהייט זענען באַגריסט געוואָרן אייניקע יידן צו זייער געבוירנטאָג: שמעון האַלבעסבערג, 82 יאָר אַלט; פּראָפ׳ נחמן בלומענטאַל, צו זיין דערנענטערן זיך צו די 80, און צום דערשיינען פון זיין בוך „ווערטער און ווערטלעך פון דער חורבן־תקופה״; צבי גאָלדשטיין, אונדזער מאָלער פון פתח־תקוה, אַ בן שמונים; אייכנבוים פנחס — צו די 80 יאָר; שלמה שטאָקפיש, פון חיפה — צו די 75 און צום דערשיינען אין דער עברית־איבערזעצונג פון זיין בוך „במעגל הזעם״; דב ליבערמאַן פון יפו, פובליציסט.

און דריי פּענסיאָנערן, וואָס זענען דערגאַנגען צו די 65: אברהם בינשטאָק פון חולון; יוסף שענקמאַן פון פתח־תקוה און פישל ראָזענבוש פון גבעתיים.

דער פאָרזיצער האָט די אַלע סאָלעניזאַנטן געווו־נטשן אַ סך געזונט, אריכת ימים און פיל גליק — און דערנאָך באַגריסט די געסט פון אויסלאַנד:

לובא און משה קאָרן (פראַנקפורט);
צעשע און סימאָן זיידענווערג (ניס);
יוסף פּאַכטשאַש (סידני);
מושקאַטבליט (פּאַריז);
רעגינאַ שעדלעצקאַ (פּאַריז).

דעם 10טן אָקטאָבער פ. י., איז אין „חדר לובלין״ פאָר־געקומען אַ צוזאַמענטרעף מיט אַדאַם גאָלדמאַן פון קאָפּענ־האַגען.

## צוזאַמענטרעף מיט געוו. קאַצעטלערס

דינסטיק דעם 23סטן יוני, איז אין גרויסן זאָל פון פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אויף דיזנגוף 158 אין תל־אביב, פאָרגעקומען אַ צוזאַמענטרעף מיט אונדזערע לאַנדסלייט, וואָס זענען געקומען צום וועלט־צוזאַמענטרעף פון געוו. קאַצעטלערס, פּאַרטיזאַנער און געטאָ־קעמפערס. ביי גע־דעקטע טישן, אין אַ פייערלעכער שטימונג, האָט דער פאָר־זיצער האַרציק באַגריסט די יידן פון לובלין, וואָס זענען ניצול געוואָרן פון אוישוויץ און מיידאַנעק, דורכגעלעבט די מלחמה־יאָרן און געפינען זיך איצט אין מדינת ישראל און אין די תפוצות.

מיט רירנדיקע, קורץ־געפאַסטע רעדעס, האָבן געענט־פערט:

ישראל אייזענבערג, וואָס איז מיט זיין פרוי באַלטשע געקומען פון לאָס־אַנזשעלעס.

שלמה זינשטיין פון ניו־יאָרק.

בראָניע וואַסערמאַן־עקהאוס, וואָס איז מיט איר מאַן געקומען פון מעלבורן.

צפורה שפּייזמאַן פון ניו־יאָרק.
טעשקע פאָרשטעטער פון פּאַריז.
זהבה ערליכמאַן פון לאָנדאָן.
שמחה בינעם ווייס פון וואַרשע.

צום וועלט־צוזאַמענטרעף זענען אויך געקומען פון ניו־

יאָרק: נחום גרין און העניעק פּרוכטמאַן מיט זייערע פרויען, נאָר געמוזט פריער זיך אומקערן אַ היים.

ס׳איז געווען אַן אייגנאַרטיקער, געלונגענער צוזאַמענטרעף, מיט אַ סך לובלינער אַטמאָספער און וואַרעמקייט.

## יום העצמאות מסיבה

אין דער ווינונג פון סימע און לייב מאַנדעלבוים איז ערב יום העצמאות פאָרגעקומען אַ פּריוואַטע מסיבה פאַר טוערס פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט. ווי אויך פאַר געסט פון אויסלאַנד: געניע און שמואל שפּירא (פּאַריז), יוסף פּאַכטשאַש (סידני), רוזשקע מאַנהיים (ליאָן) און אַנד.

## הילף פאַר נויטבאַדערפטיקע משפחות

אַ דאַנק דער ברייטהאַרציקייט פון אונדזער בן־עיר משה קאָרן (טאַשעמקאַ), האָבן מיר אַ מעגלעכקייט צו פאַרטיילן יעדן ערב פּסח און ערב ראש־השנה אַ געלט־שטיצע פאַר 18—20 משפחות און איינזאַמע, וואָס נייטיקן זיך אין הילף, מחמת זייערע קנאַפּע הכנסות, קראַנקייט, אָדער אויף צו פאַרבעסערן זייערע וווין־באַדינגונגען. חברים פון קאָמיטעט, בראש מיט לייב מאַנדעלבוים, באַזוכן, בדרך כלל די דאַזיקע מענטשן אין זייערע היימען, ווינטשן זיי אַ פרייִלעכן יום־טוב און גוט יאָר.

מען באַמיט זיך אויך פון צייט צו צייט מבקר־חולה זיין אַ קראַנקן בן־עיר, הגם ס׳זענען נישט פאַראַן קיין סך פרייוויליקע צו אַזאַ הומאַניטאַרער טעטיקייט.

## קאָנטאַקטן מיט אויסלאַנד

אויך אין פאַרגאַנגענעם יאָר איז אָנגעגאַנגען אַ לעבהאַפטע קאָרעספּאָנדענץ מיט אויסלאַנד. נאָר אויב פון לאָס־אַנזשעלעס, בוענאָס־איירעס, סאַן־פּאַולאָ, מאָנטרעאַל און פּאַריז דערהאַלטן מיר אָפּט בריוו, באַריכטן, ווענדונגען — הערט מען נישט קיין וואָרט פון אונדזערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין ניו־יאָרק און מעלבורן, הגם מיט יחידים פון די שטעט שרייבט מען זיך יאָ איבער.

ערב ראש־השנה האָבן מיר אויף הונדערט אַדרעסן פון לובלינער יידן אין דער וועלט צוגעשיקט ספּעציעלע בריוו מיט ווינטשן צום נייעם יאָר. בדרך כלל באַקומען מיר צוריק ענטפערס, אַ סך מאָל — מיט באַשטייערונגען פאַר אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט.

## פינאַנסן

מיט העכער אַ יאָר צוריק האָט אונדזער קאַסע און פינאַנסן־פירונג איבערגענומען פריינד יוסף ראַכמאַן. ביי דער געלעגנהייט, איז אויף אַ זיצונג פון קאָמיטעט אויסגעדריקט געוואָרן אַ דאַנק און אָנערקענונג דער לאַנגיאָריקער קאַסירערין, פרוי לאה קוריס, פאַר איר טרייער אַרבעט לטובת די לובלינער.

באַזאַמען מיט דער רשימה פון באַשטייערונגען, וועלכע מיר פאַרעפנטלעכן אין דער אויסגאַבע, דערשיינט אויך דער בילאַנס פאַרן לעצטן יאָר.

**הגם ס׳איז נישטאָ קיין דעפיציט אין דער קאַסע**, ווילן מיר דורכויס, אַז יעדער לובלינער ייד, אין ישראל צי אין די תפוצות, זאָל האַלטן פאַר זיין הייליקן חוב צו באַשטייערן זיך פאַר דער לאַנדסמאַנשאַפט, אָדער באַצאָלן פאַרן „קול לובלין״. פון דעם טאָר זיך קיינער נישט באַפרייען!

לויט אַ באַשלוס פון קאָמיטעט, וועלן מיר ניט שיקן אונדזער אויסגאַבע, ווי אויך איינלאַדונגען אויף אונטערנעמונגען צו די, וואָס ווייזן אַרויס פרעמדקייט, צי גרינגשעצונג צו אונדזער אַרבעט.

*

לאָמיר פאַרענדיקן אונדזער באַריכט מיט אַ חבריִשן דאַנק פאַר אונדזער בן־עיר, פריינד י. הימעלבלוי, וואָס האָט פרייוויליק גענומען אויף זיך די אויפגאַבע איינצושטעלן די קאַרטאָטעק פון אונדזערע רעגיסטרירטע לאַנדסלייט, וואָס ציילט 700 אַדרעסן.

# ביי דער לובלינער משפחה אין פאריז

משה זאַלצמאַן

אין גרויסן זאַל פון דער פעדעראַציע פון די יידישע געזעלשאַפטן, האָט די לובלינער משפחה אין פאַריז אָפּגעצייכנט די 38־טע יאָרצייט נאָך דער אויסגעמאָרדעטער קהילה.

נאָכן באַערן די מיטגלידער וואָס זענען דאָס לעצטע יאָר אַוועק אין דער אייביקייט, האָבן די פרויען, געוועזענע דעפּאָרטירטע, אָנגעצונדן די זעקס סימבאָלישע ליכט נאָך די זעקס מיליאָן קדושים.

דער חזן פליישער האָט מיט אַ סך געפיל און ציטער געמאַכט דעם אל מלא רחמים, און דער גאַנצער עולם האָט צוזאַמען מיטן חזן געזאָגט קדיש.

טעשקע קאָרמאַן, געוועזענע ווידערשטענדלערין אין פראַנקרייך און דעפּאָרטירטע, וואָס האָט דעם שרעקלעכן פּעריאָד פון אומקום געפילט אויף זיך טאָג־טעגלעך, האָט אין איר רירנדיקן אַריינפיר־וואָרט דערקלערט:

מיט יראת־הכבוד באַערן מיר די 46 טויזנט קדושים פון דער שטאָט לובלין און די צענדליקער טויזנטער יידן פון די שטעט און שטעטלעך אַרום לובלין. די אזכרה פון די לובלינער יידן פאַלט זיך צונויף מיט דער יאָרצייט פון דער טרויעריק־באַרימטער שרעקלעכער קרישטאַל־נאַכט, דער אָנהייב פון דעם מאַסן־פּאָגראָם איבער די דייטשישע יידן. 42 יאָר נאָך דעם שוידערלעכן אָנהייב פון גענאָסיד פונעם אייראָפּעישן יידנטום, דערלויבן זיך די נעאָנאַציס נישט נאָר צו רעהאַביליטירן עפנטלעך דעם היטלעריזם, נאָר באַווייזן נאָך אומבאַשטראָפט אָנצוגיין מיט מערדערלעכע אַקטן. אַזוי איז געווען דער בלוטיקער אַטענטאַט אויף די יידישע קינדער אין אַנטווערפּן, און אין פראַנקרייך זענען מיר עדות פון אַנטיסעמיטישע לאָזונגען אויף די ווענט פון עפנטלעכע אַנשטאַלטן און — דאָס שיסן אויף יידישע אינסטיטוציעס און דער בלוטיקער פינאַל לעבן דער שול פון רי קאָפּערניק. דער ענטפער פון דער יידישער יוגנט האָט באַוויזן אויפצורודערן די גאַנצע פראַנצויזישע עפנטלעכע מיינונג, ווייל דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם, איז אויך אַ קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע און מענטשן־רעכט.

מיר דערמאָנען די לובלינער קהילה, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין דעם מיליאָניקן יידישן ישוב אין פוילן; מיר דערמאָנען די טייערע יידן, אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער, ברידער און קינדער, וואָס וואָלטן שוין איצט אַליין געקאָנט האָבן קינדער, ווי דער דיכטער משה שולשטיין האָט דאָס אויסגעדריקט: „די יידן־שטאָט איז גאָר אָן יידן, קיין ניגון פון תורה, קיין רעש פון יאַרידן. מען הערט נישט קיין קלאַנגען פון יידישע מיילער״.

אייביקער אָנדענק די קדושים און די העלדישע אָנטיילנעמער אין ווידערשטאַנד!

אין זיין אַרויסטריט, שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ דער שרייבער פון די שורות אויף דער גייסטיקער, קעגנזייטיקער אויסווירקונג פון די שטעט און שטעטלעך אַרום לובלין, וואָס האָבן געטיילט דעם זעלביקן פינצטערן גורל. ער דערמאָנט זיין געבורט־שטאָט זאַמאָשטש, ווו פופצן טויזנט יידן זענען אומגעקומען. די קהילה וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע פערזענלעכקייטן, ווי: צעדערבוים, עטינגער און דער פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור, י. ל. פרץ; דעם אָדלער פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, ראָזאַ לוקסעמבורג, די ערשטע וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פון די פאַשיסטן.

די 700־יאָריקע גייסטיק־רייכע געשיכטע פון דער לובלינער קהילה, האָט מיט זיך סימבאָליזירט אַלע פעריאָדן פון דער יידישער געשיכטע אין מזרח־אייראָפּע. לובלין איז געווען דאָס וויגעלע פון שאַפן דעם ועד ארבע ארצות, די צענטראַלע אָנפירערשאַפט פון פוילישן יידנטום, וואָס האָט געשאַפן די באַזע פאַר דער יידישער קולטור־אויטאָנאָמיע און געדינט פאַר אַן אָפּווער־קראַפט קעגן דעם האַס און פאַרפאָלגונגען מיט וואָס די יידישע עקזיסטענץ איז שטענדיק און כסדר געווען אַרומגערינגלט. אין שכנות מיט דער פאַרהייליקטער קהילה, האָבן די נאַציס אויפגעשטעלט די ערשטע מאָרד־פאַבריק אויף דער פוילישער ערד — מיידאַנעק. דאָרטן איז אומגעקומען דורך דערשיסונגען און פאַרגאַזונגען מער ווי אַנדערטהאַלבן מיליאָן מענטשן.

היינט, ווען מיר דערמאָנען די 38־טע יאָרצייט פון לובלינער יידנטום, האָט זיך די דעמאָגראַפישע קאַרטע פון יידישן פאָלק געענדערט. דער טרוים פון דורות איז שוין איצט אַ רעאַלער פאַקט — די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל, זי איז איצט אַ פיזישער און גייסטיקער צענטער פון גאַנצן יידישן פאָלק. זאָלן מיר מיט כבוד דערמאָנען די לובלינער, וואָס זענען געפאַלן אין די פאַרטיידיקונגס־מלחמות אין מדינת ישראל.

מיט אַ חורבן־פּאָעמע רעציטירט מיט אַ סך געפיל דורך גיטעלע עדעלשטיין, איז פאַרענדיקט געוואָרן דער איינדרוקספולער יזכור־אַקט פון די לובלינער אין פאַריז.

## איינדרוקספולער חנוכה יום־טוב

דעם יערלעכן באַנקעט האָבן מיר היי־יאָר פאַרביטן אויף אַ פאָלקסטימלעכן חנוכה־יום־טוב. די גרויסע צאָל אָנוועזנדיקע אין זאַל פון דער פעדעראַציע, איז דער בעסטער באַווייז אין דער ריכטיקייט פון דעם פאַרבייט. דער פאָרזיצער פון דער אונטערנעמונג־קאָמיסיע, משהלע ראָזענבלום, באַגריסט דעם עולם און שיקט איבער אַ גרוס דעם ערן־פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט, זשאַק גאָלדבלום, וואָס איז צוליב זיין געזונט־צושטאַנד נישט אימשטאַנד געווען צו קומען; באַגריסט דעם פריינט קופערמאַן צו זיין ווערן אַ בן שמונים און מאַטיס זשעלאזאָ, וואָס האָט לעצטנס אַדורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע.

די ליכט פון דער מנורה וואָס באַשיינען דעם פרעזידיום־טיש, דערקלערט ער, דערציילן נישט בלויז די ניסים פון אַמאָל, נאָר אַז דאָס לעבן און עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק איז אַ פערמאַנענטער נס.

די וויצע־פאָרזיצערין פון דער געזעלשאַפט, גיטעלע עדעלשטיין, לייענט אַן אינהאַלטרייכן רעפעראַט וועגן חנוכה, דערמאָנענדיק דעם העראָישן קאַמף קעגן די גריכיש־סירישע פאַרכאַפּער פון ארץ־ישראל, וואָס איז גלייכצייטיק געווען אַ קאַמף פאַר דער אייגנאַרטיקער יידישער קולטור און לעבנס־פאָרם, קעגן דער אַסימילאַציע, וואָס האָט געצילט צו ליקווידירן גייסטיק דאָס פאָלק. זי דערמאָנט די קרבנות־גרייטקייט פון פאָלק און פון די יידישע מאַמעס, די געשיכטע פון חנה מיט אירע זיבן זין. אָט יענער גייסט האָט באַלויכטן דעם דורותלאַנגן גלות. גיטעלע דערמאָנט די העלדישע פרויען, וואָס מען האָט פאַראַשוטירט פון ישראל אין אונגאַרן און טשעכן, אין פינצטערן פעריאָד פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע: חנה סענעש און חביבה רייק, וואָס זענען העלדיש געפאַלן אין קאַמף. די טייערע יידישע מאַמעס, וואָס האָבן באַגלייט זייערע קינדער און די מלחמות צו פאַרטיידיקן ישראל. זי פאַרענדיקט מיט אַ ציטאַטע פון פראָפעסאָר עמנואל אויף דעם סימפּאָזיום פון די יידישע אינטעלעקטואַלן: וואַרפט נישט אַוועק די שטוב פון אונדזערע אָבות.

נאָכן טועם זיין פון די גוטע זאַכן, וועלכע די אונטערנעמונגס־קאָמיסיע האָט צוגעגרייט האָט דער פאָרזיצער שמואל שאַפּיראָ אויך דערמאָנט וועגן דעם יום־טוב פון גבורה און ליכט, און דעם גרויסן אויסשיין פון מדינת ישראל אויף יעדן ייד, ווו ער זאָל זיך נישט געפינען, וואָס דאָס פאַרפליכטעט צו קאָנקרעטע אויפגאַבן צו שטאַרקן די מדינה און דאָס יידישע קהילה־לעבן אויפן אָרט, וואָס איז איצט פאַרבונדן מיט געוואַלדיקע פינאַנסיעלע אויסגאַבן פון פאַרהיטן די יידישע אינסטיטוציעס נאָך די טעראָר־אַטענטאַטן. אַזוי ווי מיר פאַרענדיקן די האַיאָריקע זאַמל־אַקציע פאַרן מגבית, רופט ער צו מאַכן אַן אָנשטרענג און געבן אַ צוגאָב־באַשטייער. די זאַמלונג איז גלייך אַדורכגעפירט געוואָרן, און האָט אַריינגעבראַנגט העכער אַ מיליאָן פראַנק. צוזאַמען האָט די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט געזאַמלט היי־יאָר קנאַפּע 11 מיליאָן אַלטע פראַנק. אַ יישר־כוח די באַשטייערער און די זאַמלער געניע שאַפּיראָ, גיטעלע עדעלשטיין, און גאָר באַזונדערס — פייגעלע זאָבערמאַן, וואָס האָט באַזוכט אַ ריי מנדבים און אַליין געזאַמלט העכער 2 מיליאָן אַלטע פראַנק.

דעם יום טוב האָט באַשיינט די פּאָפּולערע סאָלאָ־זינגערין נינאַ באַרלי, באַגלייט דורכן מוזיקער מיקאָטי־בעני.

די סעקרעטאַרין טעשקע קאַרמאַן האָט איבערגעלייענט אַ באַגריסונג וואָס עס האָט צוגעשיקט דער פאָרזיצער פון דער סאָסיעטע „אָריזשינער דע לובלין", פריינט וועקשטיין, וואָס האָט צוגעלייגט אויך אַ טשעק פון 1000 פראַנק פאַרן מגבית. זי דאַנקט אַלע וואָס האָבן מיטגעהאָלפן אַדורכצופירן דעם שיינעם יום־טוב: דינהלע ראָטשטיין, משהלע און ראשעל ראָזענבלום, ביילטשע גאָלדבוים אאַנ"ד.

מיטן ישראל־ליד „ירושלים של זהב", איז פאַרענדיקט געוואָרן דער איינדרוקספולער יום־טוב.

## אַ געלונגענע פורים־פייערונג

דער גרויסער זאַל פון דער פעדעראַציע פון די יידישע געזעלשאַפטן איז געווען אויסגעפילט מיט לאַנדסלייט, וואָס זענען געקומען פייערן דעם פורים יום־טוב. די געדעקטע טישן מיט ישראל־פרוכטן און די טראַדיציאָנעלע המן־טאַשן, האָבן גלייך געשאַפן די היימישע אַטמאָספער. דער פאָרזיצער באַגריסט די אָנוועזנדע און שיקט איבער די ברכה פון אַ רפואה שלמה די קראַנקע מיטגלידער, די פרוי פון קאַסירער פון דער געזעלשאַפט, זאָשע פערלמוטער און די טאָכטער פון קאָמיטעט־מיטגליד האַס. שמואל שפּיראָ דערמאָנט אין זיין אַריינפיר אַ ריי עפּיזאָדן פון פורים יום־טוב אין דער אַלטער היים, ווו יעדע שטוב איז געווען פאַרפולט מיט טעאַטראַלישקייט, מיט פורים־שפּילן, וואָס האָבן אויסגעדריקט פרייד פון דעם היסטאָרישן נס, וואָס אַנשטאָט די יידן האָבן געזאָלט אומקומען, זענען די שונאים פאַרניכטעט געוואָרן.

פריינדין טעשקע קאַרמאַן גיט איבער דעם אינהאַלט פון מגילת אסתר, וואָס סימבאָליזירט די טראַגעדיע פון דער יידישער עקזיסטענץ אין גלות, גיט אַ טרייסט און האָפענונג אין נצח ישראל. זי מאַכט אַ פאַראַלעל צו אַלע אַנדערע יידישע יום־טובים וואָס דאָס פאָלק צייכנט אָפּ; זי דערמאָנט די המנס פון דער קעגנווערטיקער צייט, די כאָמעיניס און יאַסער אַראַפאַטס און אַלע אַנדערע יידן־שונאים.

דערפאָלגרייך האָט דער פאָרזיצער אַדורכגעפירט דעם שלח־מנות פאַרקויף פון די בלומען וואָס די מיטגלידער שיקן זיך איבער קעגנזייטיק.

אין אַרטיסטישן טייל איז אַרויסגעטרעטן די אַרטיסטן נוסיאַ גאָלד מיט עטלעכע הומאָריסטישע מאָנאָלאָגן פון שלום עליכם און יצחק בראַט. דער גאַנצער עולם האָט אויסגעדריקט אַ יישר כוח און אַנערקענונג די אונטערנעמונג־קאָמיסיע: משה'לע און ראַשעל ראָזענבלום און די איבערגעגעבענע דינה'לע ראָטשטיין פאַר דעם זאָרגפולן צוגרייטן דעם שיינעם, פריילעכן יום־טוב.

# לובלינער גרוסן פון בוענאס־איירעס

קאָפּל מיזשעריצקי

פון די ווייטערדיקע באַריכטן איז צו זען, אַז די לובלינער אין אַרגענטינע „שלאָפן נישט" און גייען ווייטער אָן מיט זייער לאַנדסמאַנשאַפטלעכער טעטיקייט.

דערהאַלטן דעם נומער 15 „קול לובלין", וואָס איז ווידער אַ דערמאָנונג פון דער אַלטער היים, ווי אויך אַ לעבעדיקער גרוס פון אונדזערע בני־עיר אין ישראל און אין דער וועלט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די לובלינער יידן וואָס האָבן פאַרן חורבן אַדורכגעמאַכט אַ געזעלשאַפטלעכע שול, און ספּעציעל — אונדזערע, ווייזן אַרויס פאַרשטענדעניש און אינטערעס פאַר די לובלינער אָרגאַניזאַציעס אומעטום.

„קול לובלין" איז פיין צוזאַמענגעשטעלט, פאַכמעניש רעדאַגירט און לאָזט נישט פאַרגעסן די לובלינער זייער אָפּשטאַם.

## יום העצמאות פייערונג

שבת, דעם 30סטן אַפּריל איז פאָרגעקומען די יום העצמאות פייערונג פון די לובלינער, אין הויז פון סוסאַנאַ און ישראל טעמפּלדינער, וואָס האָבן אַליין געדעקט די הוצאות פון דעם פיין צוגעגרייטן יום־טוב. נאָכן זינגען דעם נאַציאָנאַלן הימן די „התקווה", דערעפנט דער פאָרזיצער דניאל קלאַווער און גיט איבער דאָס וואָרט דעם סעקרעטאַר קאָפּל מיזשעריצקי, וואָס רעפערירט וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און דער פייערונג פון 33סטן יום העצמאות און 14 יאַר צו דער פאַרייניקונג פון ירושלים. שרהלע פייפערמאַן זינגט פאַסיקע לידער. עס קומען נאָך צום וואָרט לייבל זיבערג און דוד מיזשעריצקי. צום סוף ווערן באַדאַנקט סוסאַנאַ און ישראל טעמפּלדינער פאַר דעם שיין צוגעגרייטן יום־טוב, וואָס ווערט פאַרענדיקט מיטן געזאַנג פון „ירושלים של זהב".

אויף אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג אונטערן פאָרזיץ פון פרעזידענט דניאל קלאַווער, האָט דער סעקרעטאַר געלייענט אַ בריוו פון אונדזער בן־עיר ישראל אייזענבערג פון לאָס אַנדזשעלעס, מחבר פון בוך „פאַרוואָס גראָד איך", וועלכן מיר האָבן דאָ פאַרשפּרייט. ער דאַנקט אונדז פאַר דער סומע, וואָס מיר האָבן אַרויסגעשיקט. די גאַנצע הכנסה פון די ביכער גייט פאַר אַ סטיפּענדיע־פאָנד פאַר שילער אין ישראל, אויף דעם נאָמען פון זיין פאָטער ר' משהלע אייזענבערג ז"ל.

ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצושיקן אַ געוויסע סומע דעם לובלינער לאַנדסלייט פאַריין אין פאַריז, פאַר זייער יובל־זשורנאַל, ווי אויך זייער סעקרעטאַר משה זאַלצמאַן פאַר דער מאָנאָגראַפיע וואָס ער האָט אָנגעשריבן וועגן אַ יידישן ווידערשטענדלער אין פראַנקרייך, בעת דער צווייטער וועלט מלחמה.

## 38סטע יאָרצייט נאָך די קדושים פון לובלין

מאָנטיק דעם 10טן נאָוועמבער, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער שיל „יסוד התורה" די אָפּשטאַמיקע פון לובלין און אומגעגנט, כדי צו דערמאָנען זייערע אומגעקומענע עלטערן, שוועסטער און ברידער, וועלכע זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן בעת דער נאַצי־הערשאַפט אין די גאַז־קאַמערן פון מאַידאַנעק. עס דערעפנט דעם אזכרה־אַקט דער פאָרזיצער דניאל קלאַווער. קאָפּל מיזשעריצקי איז מספיד די קדושים. דער חזן צוקערמאַן האָט אָפּגעריכט די ליטורגישע טייל און מיט אַ קאָלעקטיוון קדיש איז דער אזכרה אַקט געשלאָסן געוואָרן.

✶

מיטוואָך דעם 3טן אויגוסט איז פאָרגעקומען אַ מסיבה פון דער פאַרוואַלטונג און פאַמיליעס וואָס שטאַמען פון לובלין לכבוד ניי־יאָר תשמ"א, אין הויז פון סוסאַנאַ און ישראל טעמפּעלדינער, וועלכע האָבן צוגעגרייט פון כל טוב. דער פרעזידענט דניאל קלאַווער האָט דערעפנט מיט אַ וואָרט וועגן דער באַדייטונג פון ראש־השנה און צום סוף געדאַנקט דער פאַמיליע טעמפּעלדינער פאַר דער שיינער אויפנאַמע. קאָפּל מיזשריצקי מאַכט אַ חשבון הנפש פון דער טעטיקייט פון פאַרגאַנגענעם יאָר, ווי דאָס דורכפירן דעם אזכרה אַקט פון די לובלינער, דאָס פייערן פון יום העצמאות און שטיין אין קאָנטאַקט מיט אונדזערע לאַנדסלייט פאַראיינען אין ישראל און אין פראַנקרייך און אונדזער באַשטייערונג פאַר דעם זשורנאַל „קול לובלין", וואָס עס גיט אַרויס יערלעך דער ארגון יוצאי לובלין אין ישראל, ווי אויך אַנדערע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן.

✶

אויף אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג, האָט דער סעקרעטאַר באַריכטעט, אַז ס'איז געזאַמלט און אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ גרעסערע סומע צום אירגון יוצאי לובלין אין ישראל, פאַר דעם זשורנאַל, „קול לובלין". און פון פאַריז איז אָנגעקומען אַ צאָל עקזעמפּלאַרן פון יובל־העפט, אַרויסגעגעבן פון דער געזעלשאַפט „פאַראייניקטע קינדער פון לובלין", צו זייער 50 יאָריקן יובל.

עס איז אָנגעקומען אַ בוך פון פאַריז, פון דעם שרייבער משה זאַלצמאַן וועגן „קאַלאָנעל זשיל" (עפּשטיין). ער באַשרייבט, דאָס לעבן און קאַמף פון זאַמאָשטשער ייד אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע, און אין דער פראַנצויזישער רעסיסטאַנס־באַוועגונג בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה און איז אומגעבראַכט געוואָרן פון דער געסטאַפּאָ.

# סאַן־פּאולאָ האָט באַערט די קדושים פון לובלין

אויף דער איניציאַטיוו פון לובלינער לאַנדסלייט אין סאַן־פּאַולאָ, איז אונטערן פאָרזיץ פון לאָזער גאָלדבוים, פאָרגעקומען, אין סאַלאָן פון תלמוד־תורה, אַן אזכרה נאָך די קדושים פון דער לובלינער יידישער קהילה, וועמענס לעצטע יידן זענען אין נאָוועמבער 1942 אומגעקומען אין טויטן־לאַגער מיידאַנעק.

נאָך דעם ווי ס'זענען אָנגעצונדן געוואָרן די יאָרצייט־ליכט לזכר די קדושים און נאָכן אָפּגעבן כבוד די לובלינער נפטרים אין סאַן־פּאַולאָ און ישראל, האָט ה' אהרן פאַרטשעוו גערעדט וועגן טראַגישן אומקום פון דער לובלינער יידישער קהילה און באַזונדערס זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין געבורט־שטעטל, לובאַרטאָוו, איינס פון די צענדליקער שטעטלעך אַרום לובלין, וואָס האָט געשפּרודלט מיט יידישער קולטור און געזעלשאַפט. דער רעדנער האָט אַנאַליזירט אַ ריי אַקטועלע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן אין דער וועלט און גערופן צו וואַכזאַמקייט קעגן דער נעאָ־נאַצישער און אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע.

דער צווייטער רעדנער, ה' יואל ראָלניק, אַקטיווער ציוניסטישער עסקן, האָט אין זיין רעדע זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ראָל וואָס ס'האָבן געשפּילט די יידן פון לובלינער קאַנט פאַר דעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פון פּוילישע יידן און אָפּגעגעבן כבוד די קדושים פון אָפּאָלע, די געבוירן־שטאָט פון דעם רעדנער.

נאָך דעם ווי דער חזן שלמה רייז, האָט געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים, האָט פרוי מינטשע דינער יאַקובאָוויטש געלייענט אַן אַרבעט וועגן יידישן לובלין און פרוי גינטשע קאָן האָט רעציטערט אַ פּאָעמע וועגן דער שואה.

ס'איז געוויזן געוואָרן אַ פילם פון יד־ושם וועגן דער שואה און שלמה רייז האָט געמאַכט אַן אל מלא רחמים. מיט קדיש בציבור איז געשלאָסן געוואָרן די איינדרוקספולע אזכרה.

**אליעזר**

# בריוו פון לאַנדסלייט

## שלמה זינשטיין, ניו־יאָרק :

...לאָמיר דיר זאָגן אָן מליצות: פון אַלע זשורנאַלן און אויסגאַבן וואָס איך קען, אַריינגערעכנט פּראָפעסיאָנעלע אויסגאַבן, איז „קול לובלין" איינע פון די בעסטע, ערנסטע און שענסטע, וואָס שטייט אויף אַ ניוואָ. דער לייען־מאַטעריאַל — אינטערעסאַנט און באַלערנד. וואָס זאָל איך זאָגן? איר מאַכט אַ וווּנדערבאַרן דזשאַב. צו די לובלינער אין ניו־יאָרק, קום איך פון צייט צו צייט, ווי נאָר די באַדינגונגען דערלויבן מיר. לעצטנס האָב איך זיי געגעבן אַן איינשפּריץ... איך גלויב, אַז עס וועט מיר געלינגען צו ברענגען אַ גרעסערע צאָל לאַנדסלייט צום וועלט־צוזאַמענטרעף פון די קאַצעטלערס.

## די לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק :

פון דער בייגעלייגטער איינלאַדונג וועט איר זען, אַז די היי־יאָריקע יזכור־אַקאַדעמיע, וועט פאָרקומען זונטיק דעם 30סטן נאָוועמבער 1980, 2 נאָכמיטאָג, אין סטאַטלער הילטאָן האָטעל, מיטן אָנטייל פון חזן חצקעלע ריטער און פריינד שלמה זינשטיין, וואָס וועט באַריכטן פון זיין לעצטן באַזוך אין לובלין.

אונטער דער איינלאַדונג זענען אונטערגעשריבן : ל. פלוג (פּרעזידענט), ש. זינשטיין, ר. מיטעלמאַן, ב. פליישהאַקער, ס. באַום, א. ריימאַן, ס. פאָגעלגארן, א. גרענדע.

## זעליג וואַסערשטרום, ניו־יאָרק :

אַ האַרציקן דאַנק פאַר צושיקן מיר, הגם מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, דעם נומער 15 „לובלינער שטימע", וואָס האָט מיך אַ ביסל אויפגעפרישט, ווייל איך אָטעם נאָך אַלץ מיט לובלין. דאָרט האָב איך געהאַט מיין גייסטיק לעבן, באַקומען מיין יידישע און סאָציאַליסטישע דערציונג אין די שטורמישע יוגנט־יאָרן. יענע פאַרגאַנגענהייט רופט ביי מיר אַרויס נאָסטאַלגיע. איך זע שטענדיק אונדזער געבוירן־שטאָט, איך זע אונדזערע יידן.

דער נומער 15 איז זייער רייך אין אינהאַלט און אנגענעם צו לייענען. וואָס איז געשען מיטן המשך פון מיינע לובלינער זכרונות? אַ האַרציקן גרוס פאַר אַלע לובלינער.

## איזאַק עהרענבערג, ל.־אַנזשעלעס :

אויך היי־יאָר האָב איך געזאַמלט אין עטלעכע בענק אין לאָס־אַנזשעלעס אַ סומע געלט פאַר דער לובלינער סאָסייטי אין ישראל. איך שיק איבער די דריי טשעקן מיט מיין שוואָגער ישראל אייזענבערג. איך האָב זיך געגרייט צו קומען מיט מיין פרוי קיין ישראל, שוין געהאַט ביי זיך די פלי־בילעטן, וועלכע כ'האָב געמוזט צוריק געבן. ביטע צו שיקן 3 באַזונדערע קוויטירונגען פאַר די בענק אויף די 360 דאָלאַר.

## בנימין לובעלסקי, ירושלים :

די אזכרה היי־יאָר האָט צוגעצויגן אַ גרעסערע צאָל לאַנדסלייט. ס'איז געווען אַ האַרציקער אָוונט. באַזונדערס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן דער אויפטריט פון די קינדער — אַ גרויסער, ערנסטער צושטייער.

צי געפינט זיך ווער פון גדליהו שפּיראָס קרובים? צי מיינע זכרונות וועגן אים אין „קול לובלין" נומ' 15 האָבן עמעצן אינטערעסירט — כ'מיין, פון דער משפחה?

## רחל טאַובער, קרית ביאַליק :

אַ האַרציקן דאַנק פאַר שיקן מיר דעם זשורנאַל. איך וואַרט שוין מיט אומגעדולד צו באַקומען דעם נומער 16 „קול לובלין". איך האָב געהאַט אַן איבערלעבונג, דערזעענדיק אויפן בילד פון בוענאָס־איירעס מיין מאַן פיניע טאובער ז"ל, איינער פון די גרינדערס פון דער לובלינער סאָסיעטי אין אַרגענטינע.

איך וואָלט שטאַרק געוואָלט, אַז מ'זאָל זען אַריינציען די קינדער אין דעם אירגון יוצאי לובלין, כדי דער נאָמען און אירע יידן זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן.

אפשר ווייסט ווער עפעס פון מיין שוועסטער, איר מאַן און זייערע צוויי מיידעלעך: חנה שאָקמאַן, ווערלוול גאָלטהאַר און די קינדער. זיי האָבן געוווינט אויף לובארטאָווסקע גאַס.

איך בין שוין אַלט 82 יאָר, מיר איז שווער צו קומען קיין תל־אביב. ס'וואָלט געווען אַ יושר, פון די אַלע פּראָיעקטן וועלכע איר לייגט פאָר, מ'זאָל פאַרזיכערן אַ ביסל ערטער אין אַן עלטערן־היים (בית־אָבות), אָדער אַליין אויפשטעלן אַזאַ אינסטיטוציע פאַר לובלינער יידן, זיי זאָלן אויף די אַלטע יאָרן האָבן אַן אייגן ווינקל. פאַראַן רייכע לאַנדסלייט אין דער וועלט, זיי וואָלטן געמעגט אַ טראַכט געבן וועגן אויפשטעלן אַזאַ היים נישט נאָר פאַר די בני־עיר אין ישראל, נאָר אויך פאַר זיך זעלבסט און טאַקע אין דער יידישער מדינה...

## טעשקע פאָרשטעטער, פּאַריז :

אַ האַרציקן דאַנק פאַר דער אויפמערקזאַמקייט, וועלכע איר האָט מיר אַרויסגעוויזן בעת מיין באַזוך אין ישראל, אין שייכות מיטן וועלט־צוזאַמענטרעף פון די געוו. קאַצעטלערס. אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף מיר איבערגעלאָזט דער באַזוך אין בית התפוצות, אין באַגלייטונג פון צפורה שפּייזמאַן פון ניו־יאָרק און רבקהלע שטאָקפיש און דער ספּעציעלער אָוונט לכבוד די געסט פון אויסלאַנד.

דער „געזעלשאַפטלעכער סעזאָן" אין פּאַריז הייבט זיך אָן באַלד נאָך ראש־השנה. ערב יום־כיפור קומט פאַר דער טראַדיציאָנעלער אויפמאַרש פון אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן אויפן בית־הקברות באַניע, ביים מאָנומענט פון די געוו. פראָנט־קעמפער. נאָך די יום־טובים רופן מיר אַ צוזאַמענטרעף פון די לובלינער, ביי געדעקטע טישן.

אין נאָוועמבער גרייטן מיר די יערלעכע אזכרה, אין 39סטן יאָרטאָג פון אומברענגען די לובלינער יידן דורך די נאַצישע רוצחים. מיר ווילן אויך פאָרזעצן די אַקציע פאַרן מגבית. אַ גוט יאָר אַלע לובלינער אין ישראל.

## הערי פּרוכטמאַן, ניו־יאָרק :

פון אַלע פאַרגעניגנס אין לעצטן יאָר, איז דאָס גרעסטע געווען דער באַזוך אין ישראל, און גאַנץ באַזונדער — דער צוזאַמענטרעף אין דער וווינונג פון דער פאַמיליע שטאָקפיש (זע דאָס בילד) — מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט, פריינדשאַפט און איבערגעגעבנקייט. דער וועלט־צוזאַמענטרעף פון די געוו. קאַצעטלער און אַנטי־נאַצי־קעמפער איז געווען אַ רירנדיקע, דראַמאַטישע איבערלעבונג. דאָס האַרץ האָט געוויינט, וואָס אַזוי ווייניק לובלינער יידן זענען געקומען צו דעם צוזאַמענטרעף... ווו איז זייער חוב כלפי די קדושים?



פון לינקס : שלמה זינשטיין (ניו־יאָרק), דוד און רבקהלע שטאָקפיש, אַנאַ און הערי פּרוכטמאַן (ניו־יאָרק), משה קאָרן, צפּורה שפּייזמאַן־טענענבוים (ניו־יאָרק), פאַני און פישל ראָזענבוש, זהבה ראָטמאַן.

# לזכרם • צום אנדענק



## פייגעלע דרייבלאַט ז״ל

נאָך אַ לאַנגער, שווערער קראַנקייט, איז דעם 10טן יאַנואַר ה. י. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק מיין אומפאַרגעסלעכע מומע פייגעלע, די אלמנה פון שמחה דרייבלאַט פון לובלין. אירע לעצטע יאָרן האָט זי געלעבט אין אַ היים פאַר עלטערע מענטשן אין בראָנקס. געווען אַקטיווער מיטגליד אין אַרבעטער־רינג 392 און אויך מיטגעאַרבעט אין לובלינער פרויען־קלוב, געזאַמלט געלט פאַרן לובלינער רעליף־פאַריין און געהאָלפן איינאָרדענען די שארית הפליטה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. זי האָט אויך געזאָרגט פאַר די לאַנדסלייט אין ישראל.

איר מאַן, פון די אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע טוערס, האָט אין פייגעלען געהאַט אַ טרייע מיטהעלפערין, ווייל איר שטרעבונג איז געווען צו זאָרגן אויך פאַר אַנדערע. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט איר תמיד באַגלייט דער טרויער נאָך אירע צוויי שוועסטערן, קרבנות פון די נאַצישע רציחות, וואָס זענען מיט זייערע משפחות אומגעקומען אין לובלין.

איך וועל נישט פאַרגעסן איר טרייִשאַפט און ליבשאַפט צו מענטשן בכלל און צו דער פאַמיליע בפרט. זי האָט פאַריתומט אַ טאָכטער, איידעם, אייניקלעך, אוראייניקלעך און דעם נעפי, דער חזן חיים צימערמאַן אין קאַנאַדע.

**פאַלע מאַרגוליס־דרייבלאַט**
ניו־יאָרק



## יעקב (יענקל) הוף ז״ל

יעקב הוף איז געבוירן אין לובלין אין יאָר 1908, געוווינט „אויפן זאַמד" (אין קאַשמינעק). געווען אַ פשוטער האַרעפּאַשניק, נישט אָפּגעשטעלט זיך פאַר קיין שום פיזישע אַרבעט. אויף מפרנס צו זיין זיך און די משפחה, האָט ער „אונטערגעשטעלט אַ פלייצע", צו וואָס ס'זאָל נישט זיין.

יענקל איז געווען אַ פריילעכער בחור, שטענדיק מיט אַ שמייכל און וויץ, אַ האַרציקער חבר. געזעלשאַפטלעך זיך אויסגעלעבט אין דער יידישער ספּאָרט־באַוועגונג. ביים גרינדן דעם „הפועל" אין לובלין איז ער געווען פון די ערשטע שפּילער אין דער פוטבאַל־מאַנשאַפט.

ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז ער אַוועק קיין ראַטן־פאַרבאַנד, צוזאַמען מיט זיין ברודער יחזקאל ז״ל (וועלכער איז נאָך דער מלחמה געשטאָרבן אין פוילן). נאָכן צוריקקומען קיין פוילן, האָט ער זיך באַזעצט אין ריכבאַך (נידערשלעזיע) און געאַרבעט אין אַ מלוכהשן קאָאָפּעראַטיוו. אויך דאָ איז ער געווען אַקטיוו אינעם יידישן ספּאָרט־קלוב פון דער פאַבריק.

אין יאָר 1957 איז יענקל הוף געקומען קיין ישראל, צוזאַמען מיט אַ משפחה און זיך באַזעצט אין עפולה. געאַרבעט אין „תנובה" ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. פריטיקצונאַכטס, דעם 10טן יולי ה.י., איז ער פּלוצלינג געשטאָרבן אין עלטער פון 73 יאָר אין צו קבורה געקומען אויפן בית־הקברות אין עפולה. ער האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי, אַ טאָכטער, אַ זון און 3 אייניקלעך.

די גרופּע חברים פון „הפועל" לובלין אין ישראל, וועלן תמיד געדענקען דעם האַרציקן, עמכדיקן יעקב הוף.

כבוד זיין אָנדענק!

**י. רייכענשטיין, גבעתיים**



## פּיניע טורקעלטאַוב ז״ל

אומקערנדיק זיך קיין ניו־יאָרק פון אַ באַזוך אין ישראל, אין חודש יוני 1980, האָב איך זיך דערוווּסט וועגן טויט פון מיין לאַנגיאָריקן חבר און פריינד פון לובלין, פּיניע טורקעלטאַוב, דער מאַן פון מיין פריינדין האַניע ז״ל.

אַ סך יאָרן האָבן מיר ביידע זיך אָנגעהערט צו לינקע פועלי־ציון אין לובלין און אונדזערע אידעישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אַכסניה איז געווען רינעק 10 („דאָס קעכל"). פּיניע איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין לעדער־פאַראיין אויף רוסקע 34 און פּאַרוואַלטונג־מיטגליד אין דער קולטור־ליגע אויף ריבנע. מיטן אויסברוך פון קריג, געלינגט פּיניען צו אַנטלויפן קיין רוסלאַנד, צוזאַמען מיט האַניען, אָבער אייניקע יאָר זענען זיי געווען צעשיידט. מיטן פאַרענדיקן די מלחמה, האָבן זיי זיך אָפּגעפונען, אומגעקערט קיין פוילן און איינגעזען, אַז ס'איז נישט דאָס אָרט פאַר זיי צו בלייבן. זיי האָבן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, אויפגעשטעלט אַ היים. פּיניע האָט דאָ שווער געאַרבעט.

דער פּריצייטיקער טויט פון האַניען האָט אים שטאַרק צעבראָכן. ער האָט געפּירט אַן איינזאַם לעבן. באַוויזן צו באַזוכן ישראל און זיך זען מיט זיין איינציקער שוועסטער רייזל אין פּתח־תקווה און מיט חברים פון דער אַלטער היים. ער האָט פאַריתומט אַ טאָכטער, איידעם, זון און אייניקלעך.

כבוד זיין אָנדענק!

**פאַלע מאַרגוליס־דרייבלאַט**
ניו־יאָרק

## סעמועל און לעאָראַ לאַנדאַו ז״ל

פון מאָנטרעאַל איז אָנגעקומען די דערשיטערנדיקע ידיעה, אַז דער זון און שנור פון אונדזערע לאַנדסלייט ישראל און סאָניאַ לאַנדאַו, זענען אומגעקומען אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע אין לאַס־וועגאַס, פאַריתומנדיק זייערע דריי קינדער.



דער אומגעריכטער, טראַגישער טויט פון די צוויי יונגע מענטשן, האָט טיף דערשיטערט די עלטערן און אַרויסגערופן צער און טרויער ביי די לובלינער אין מאָנטרעאַל, ווי מיר געפינען דאָס אין די נעקראָלאָגן אין דער צייטונג „קענעדער אַדלער" — פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט און פון נ. זימעלשטערן, פּאַרזיצער; לײדיס אָקזילערי, אונטערגעשריבן אהרון ניסענבוים, סעקרעטאַר און יוסף קאַפּלאַן, פינאַנס־סעקרעטאַר; פון דער עקזעקוטיווע פון דער לאַדזשער סאָסייטי און לײדיס אָקזילערי, ווי אויך פון אַ גרעסערער גרופּע לובלינער.

אונדזער מיטגעפיל דער טרויענדיקער משפחה לאַנדאַו.

teatrnn.pl



## אסתר לאַסקאָווסקי־פעלמאַן ז״ל

דעם 24סטן סעפּטעמבער 1981, איז אין רמת־גן נפטר געוואָרן אונדזער בת־עיר אסתר לאַסקאָווסקי־פעלמאַן. געבוירן אין לובלין אין יאָר 1910 ביי די עלטערן געלע און שלמה פעלמאַן, אַ באַוווסטע משפּחה. פון די פריסטע יוגנט־יאָרן האָט אסתר זיך אויסגעצייכנט מיט איר טעמפּעראַמענט און טיפן חוש פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און דערפאַר באַלאַנגט צו דער ראַדיקאַלער גרופּע יידישע גימנאַזיעשילער און סטודענטן אין פאַר־מלחמהדיקן לובלין.

אין די מלחמה־יאָרן מאַכט אסתר אַדורך דעם גאַנצן יסורים־וועג פון יידן אין לובלין, וואָס האָבן געשמאַכט אונטערן בלוטיקן דייטשישן שטיוול. צום ערשט — דאָס געטאָ, דערנאָך ליפּאָווע 7 און צום סוף — שקלאַפן־אַרבעט אין דייטשלאַנד, מיט „אַרישע״ פּאַפּירן.

אין קרעמפּיצער וואַלד און אין מיידאַנעק זענען אומגעקומען אירע עלטערן, אַ שוועסטער, איר מאַן משה איינשטיין און די נאָענטסטע משפּחה. אַ דאַנק איר איניציאַטיוו און ענערגיע געלונגט איר גובר צו זיין דעם נאַצישן מלאך־המות.

נאָך דער באַפרייונג קומט זי צוריק קיין לובלין און שטעלט אויף אַ פאַמיליע. אין יאָר 1957 איז זי עולה מיט איר מאַן און קינד קיין ישראל. צום ערשט וווינען זיי אין באר־שבע, דערנאָך באַזעצט מען זיך אין רמת־גן.

אסתר האָט פאַריתומט איר מאַן, אינזשעניער אברהם לאַסקאָווסקי (שטאָקהאַמער), פּרעזידיום־מיטגליד פון לובלינער קאָמיטעט אין ישראל; איר טאָכטער ד״ר יאַלאַ נויפעלד מיטן מאַן און צוויי אייניקלעך.

אַ גרויסער עולם לובלינער יידן האָבן באַגלייט אסתרן צו איר אייביקער רו. ביים אָפענעם קבר האָט זי מספּיד געווען דוד שטאָקפיש.

כבוד איר אָנדענק!

## מאיר מושקט ז״ל
**(שנה לפטירתו)**

לא שנות דור חיינו עם מאיר; לא באנו מאותה העיירה; לא היו חוויות נעורים ולא עשינו יחד היסטוריה בעין־שרה. לא היו אותן הזדמנויות מורכבות מרבבות פכים קטנים, שמצטברים להיכרות וחברות עמוקה; מאיר לא עבד בגן הירק; הוא לא התרחץ במקלחת הציבורית ולא בא מדי יום למפגשי ההורים בבתי הילדים.

מה, אם כן, בנה את הקשר להביאנו לבכותו, כאילו כן בא מאותה עיירה, דרך הקן השומרי וההכשרה, דרך נהריה ועין־שרה — מה סייע לשיזור אותו חוט קישור?



לא אנו נהיינו לאחרים: נשארנו אטומים למדי, קשים לקליטת אלה, שלא עשו איתנו חלק ניכר מכברת הדרך. אנו מבכים את מאיר משום ש ה ו א היה אחר, ו ה ו א יצר את הקשר והיה לאחד מאיתנו.

לגבי קיבוץ שעתה מלאו ארבעים שנים לקיומו, היה מאיר בחזקת „עולה חדש״. שנים מועטות יחסית חי בקרבנו. אך בשהות הקצרה הזו, הודות לאופיו הפתוח, בזכות ההומור השולט, הגישה של „קבל זאת בקלות״, השירה האידית המתזמזמת, כוח הרצון העז להינות מהחיים — ידע לדחוס „ותק״, לא בפנקס הנקודות, אלא ביחסו אל החברים וביחס החברים אליו.

**(מתוך עלון „דפים״, קיבוץ עברון)**



## מנחם נשרי־אוז׳ל ז״ל

נולד ב־1905 למשפחה חסידית אדוקה. אביו ראובן היה בקי בתורה. בן משפחה מספר בבדיחות הדעת, כי בערב של פגישות משפחתיות, בעודו ילד, היה חוזר על פרקו בתורה, כדי לעמוד בשאלותיו של הדוד ראובן. הדוד ראובן היה מנצל פגישות אלו, כדי לבחון את ידיעותיהם של ילדי המשפחה.

אביו ראובן שאף, שילדיו יתחנכו ברוחו וילכו בדרכיו. אכן, מנחם למד בחדר, שמר מצוות, לבש בגדי יהודים מסורתיים, אולם כשעמד על דעתו, החליט לבור את דרכו־הוא ופנה לציונות. היה חבר פעיל בפועלי־ציון. בני העיר מציינים לשבח את פעילותו בחלוץ הצעיר כמדריך וכמורה לעברית, שפה שכבר אז ידע על בוריה. מאוחר יותר נבחר כמזכיר הקרן הקיימת בלובלין — תפקיד זה מילא עד עלייתו ב־1932.

בבואו ארצה, נשלח לקיבוץ כפר גלעדי, שם היה לו הכבוד להיות עוזרו של הרועה פנחס שניאורסון, סגנו של טרומפלדור בהגנת תל־חי.

בתל־אביב התפרנס מעבודת כפים. מאוחר יותר עסק בעבודות בנין ותעשית חומרי בנין.

עם פרוץ מלחמת העולם השניה, התחיל לעבוד במחנות הצבא הבריטי. בכל חלקי הארץ וכן עסק בתעשית חומרי בנין. תחילה — ב„סולל בונה״ ואחר־כך כעצמאי, יחד עם שותפים. עם גמר המלחמה, יסד עם השותפים חברה קבלנית לבנין, בה עסק עד סוף ימיו.

בצד עניני הפרנסה, היה חבר ב„הגנה״, בתפקיד מדריך.

בזמן רווקותו הממושכת, היה מבלה בחוג חבריו מיוצאי לובלין. היה איש שיחה בפגישות בני העיר ואהב להנעים למתכנסים בשירה ערבה.

**שמואל מנדלסברג**

*

נאמר, כי על מנוח יש להעלות רק את השבחים. אכן, על אוז׳ל ז״ל יש ויש מה לאמר בשבחו. זכורה לי היטב מסיבת הפרידה שנערכה למנחם אוז׳ל ערב עלייתו ארצה מלובלין. זה היה באולם „הזמיר״. כל המברכים העלו על נס את פעילותו הציונית בעיר.

בימיו הראשונים בארץ, נתנסה אוז׳ל הצעיר בכל אותם הקשיים של חלוץ.

ידע מחסור ושלח ידו בכל מלאכה מזדמנת. ידע להתגבר על כל המכשולים. פרק חיים זה הכין אותו לקראת בנין חייו העתידים. מתוך אהבתו לארץ, שאף לבנותה — וכך אנו רואים אותו עוסק ברבות הימים בבנין. ובכח כשרונותיו ותבונתו, יצא מהשנים הרזות אל שנות ההצלחה. הכל עשה בנאמנות ונהנה מפרי עבודתו.

ברוח זו שיתף את עצמו גם בפעולות ארגון הקבלנים ודאג לשפורו וזכה לאהדה על כך. היה מסור למשפחה והעריך את מכריו וידידיו, בלא התנשאות.

**יוסף אכטמן**

*

היכרותי עם אוז׳ל החלה לפני כ־20 שנה.

שמעתי על הצלחתו בענף הבניה ועל העובדה שהצליח ליצור יש מאין.

כאשר הכרתי את אוז׳ל, הוא נחשב כבר כאחד הקבלנים הבולטים בתל־אביב. היה מיחידי הסגולה שצבירת הכסף לא היתה מטרת חייו, אלא לפיעלות מוגברת, ליצירה בעלת היקף גדול יותר.

עצם העבודה והעשיה שהצלחה בצידה, היתה למעשה מהות חייו.

לעובדיו נתן דוגמא אישית ודרש מהם להשתלב בעבודה וביצירה.

עבדתי עם אוז׳ל בפרויקט ציבורי (בתור עסקנים של ארגון הקבלנים והבונים) בת״א, למדתי להכירו בפגישות יום־יומיות ובשיחות ארוכות שנהלנו בנושא הבניה. מסירותו והשתעבדותו לעבורה ציבורית, שלא על מנת לקבל שכר, היתה בדיוק כמסירותו לעניניו הפרטיים.

שבע נחת מבנו וכשרונותיו, וב־

עיקר שמח לציין שהוא נוהג ב־צניעות והגינות.

אינני יכול לשכוח כמה קשה היה לי להשפיע על אוז'ל שיסע קצת לחו"ל, יכיר את העולם, יהנה מהטבע ומתענוגות החיים שבעלי אמצעים יכולים להרשות לעצמם.

אוז'ל פשוט לא יכול היה להבין, היכן טמונה ההנאה, אם לשם כך צריך להפסיק את העבודה והפעי־לות היום־יומית של ביקור בשעות המוקדמות בבנינים, השיחה עם ה־פועלים, המשא־ומתן בשעות של לפני הצהרים עם קבלני המשנה, המתמחים, המהנדסים וכל אלה ה־קשורים בכל צורה שהיא למפעל הבניה המעשית ולבסיס היצירה והעבודה שלו. **אבנר ארליך**

מנחם נשרי־אוז'ל נפטר ב10.4.81 בתל־אביב. השאיר אשה, בן ובת נשואים ושתי נכדות. משפחתו, ידידיו וחבריו זוכרים את תכו־נותיו של האיש, בעל מרץ ו־יוזמה

יהי זכרו ברוך!

נזכור גם את הוריו של המנוח — רבקה וראובן, האחות אסתר, אחיו חיים־ברוך, קרבנות השואה.

**המשפחה**



## לאה ניימאַרק־לייסט ז"ל

געבוירן אין יאָר 1912 אין לובּלין. פון דער פריסטער יוגנט געאַרבעט אין דער וואַטע־פאַבריק פון די ברידער שלייפער און געווען אַן אַקטיווע מיטגלידערין אין נאָדל־פאַריין. אין יאָר 1937 חתונה געהאַט מיט משה לייסט און אַ סך יאָרן סימפּאַטיזירט מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אין יאָר 1949 עולה געווען אין ישראל מיטן מאַן און צוויי קינדער, געבוירענע אין ראַטן־פאַרבאַנד. די גאַנצע צייט גע־ווינט אין חולון.

לאה האָט פאַריתומט איר מאַן, דריי טעכטער, אַ זון, זעקס אייניקלעך, אַ שוועסטער און שוואָגער.

ערע איר אָנדענק!

**יעקב פעלדמאַן**

**דעם** טיפסטן מיטגעפיל מיין חבר **משה לייסט**, צום טויט פון זיין פרוי **לאה**.

זיי געטרייסט!

**יוסף שנור, לאָס־אַנזשעלעס**

## יצחק זאַיאַנטשקאָווסקי ז"ל

אין מערץ 1980 איז אין לאָס־אַנזשעלעס נפטר געוואָרן אונדזער בן־עיר, יצחק זאַיאַן־זאַיאַנטשקאָווסקי. אַ טייערער ייד גע־ווען. אַ בעל גמילת־חסדים.

אין לובלין האָט ער געוווינט אויף דער וואַליע. קיין לאָס־אַנזשעלעס געקומען נאָך דער מל־חמה, און דאָ זיך באַטייליקט אין אַלע אונטערנעמונגען פון די לובּ־לינער.

כבוד זיין אָנדענק!



## רומן פישר ז"ל

נולד בסטניסלבוב ב־1916. למד באוניברסיטה בלבוב. בספטמבר 1939, כשבוי־מלחמה, הועבר עם עוד שבויים למחנה ליפובה 7 ב־לובלין. באותה תקופה הכיר את בת־עירנו צשה טרכטנברג ושניהם נישאו.

לאחר חיסול המחנה ברחוב ליפובה, הצליח רומן לברוח לוורשה. הודות לאשתו ולפולני, מר קובלסקי, מחסידי אומות העולם, הצליח להישאר.

ב־1960 עלה עם משפחתו לישראל. עבד כמהנדס במפעל במצפה־רמון. נפטר ב־1980. בגיל 64.

השאיר אשה, שני בנים, כלות ונכדים, שאהבו אותו מאד.

רומן היה איש צנוע, טוב לב ואהוב על בריאות.

יהי זכרו ברוך!

## אפרים דוד קרעכמאַן ז"ל

**דעם 31סטן דעצעמבער 1980, איז** אין מעלבורן (אויסטראַליע) נפטר געוואָרן דער געזעלשאַפטלעכער טוער, איבערגעגעבענער מיטגליד און גרינדער פון דעם לובלינער צענטער אין מעלבורן.

כבוד זיין אָנדענק!



## גרינה רוזנקרנץ ז"ל

הסבתא שלי היתה אישה צנועה בהליכותיה וצילת־נפש. כשאני נזכרת בביקוריה אצלנו, רואה אני את השולחן הערוך בערבי יום ששי, עם כל מאכלי השבת ו„גע־פילטע פיש", שהיא מנצחת על הכל...

תמיד ישבה עם נכדיה וסיפרה לנו זכרונות מימי ילדותה, מן ה־בית שבלובלין, איך ברחו מהגר־מנים ואיך חצו את הגבול עם תי־נוק בן שנתיים (אבי). וסיפורים מגלות סיביר לא חסרו — וקשיי הקליטה בארץ, ב־1948 והלאה.

אחרי תאונת־דרכים, שבה אמי נפטרה ואבא היה בבית־החולים, סבתא גרינה טיפלה בנכדיה ב־מסירות ובאהבה. היתה מאכילה אותנו, מלבישה, רוחצת, מפנקת וגם... צועקת במקום ובזמן ש־חשבה לנכון. בתקופה זו התקשרנו אליה מאד. אחרי שאבא חזר מבית־החולים, שבה סבתא לסבי החולה, הזקוק לטיפול. הרופאים התפעלו, איך אשה קטנה וחלשה מסוגלת במסירות כזו לטפל בבעלה, שנפטר כתוצאה ממחלה קשה. הסבתא נש־ארה בודדה — ומאז החלה ההת־דרדרות במצבה. אבל הקשר בי־נינו לא הופסק. זמן מסויים היתה אצלנו בבית, אבל ביקשה לחזור לדירתה ברמת־גן. תמיד רצתה לעשות משהו, להיות עסוקה, שלא תרגיש מיותרת.

שהותה בבית אבות השפיעה עליה באופן שלילי. בהיותה חולה, הועברה לתל־השומר. הנכדים ביקרו אצלה ושמחנו מאד, שתוך חודש ימים תוכל לעזוב את בית החולים. אבל ההתאוששות היתה קצרה — ובערב יום העצמאות תשמ"א נפרדנו מהסבתא היקרה לנו.

היא טיפחה בנו אהבה למש־פחה ולזולת. זכרה של סבתא גרינה תשאר בלבנו לנצח.

גרינה (גרינטשע) רוזנקרנץ נולדה בלובלין למשפחת רייכנ־שטיין — משפחה שכולם היו מורים ובעלי בית־ספר פרטי עב־רי בתקופת שלטון רוסיה הצא־רית בפולין. קיבלה בבית חינוך יהודי־לאומי. סיימה את בית־ספר עממי פולני („פובשכני") בעיירה איזביצה במחוז לובלין. בפרוץ המלחמה בספטמבר 1939 ברחה עם בעלה (סבי) לברית־המועצות ונשלחו לסיביר. ב1942 שוחררו ונשלחו לעיר פרגנה (אוזבקיסטן), בה עבדה כמורה בבית־ספר של ז. פ. פ. (התאח־דות הפטריוטים הפולנים), ש־הוקם בבריה"מ בשנות המלחמה. בסוף שנת 1946 חזרו לפולין וב־1948 — עלו ארצה עם שני בנים, התיישבו בבת־ים והתפרנסו מקיוסק. אחרי שהבנים התחתנו, עברו לגור לרמת־גן.

סבתי נפטרה בגיל 76. השאי־רה 2 בנים, 5 נכדים ואח, יצחק רייכנשטיין. הנכדה **דפי**



## אהובה רוטנברג־בויאנר ז"ל

ילידת 1905 בלובלין, נפטרה ב־י"א כסלו תשמ"א (1980). היתה פעילה בסניף מגן דוד אדום בתל־אביב משנת 1948 וגם בארגון בני־ברית.

כבוד לזכרה!

# אַ האַרציקן דאַנק און יישר־כוח

**אונדזער בן־עיר, דעם אַדוואָקאַט**

## דוד אייזענבערג

**אין לאָס־אַנזשעלעס —**

**פאַר זיין פריוויליקן אַדורכפירן די נייטיקע פאָרמאַ־ליטעטן, אָן אַן אָפּצאָל, אויף איבערצופירן די ירושה־געלטער פון העכער 6 טויזנט דאָלאַר, וועלכע ס'האָט געלאָזן פאַרן ארגון יוצאי לובין אין ישראל דער פאַר־שטאָרבענער לאַנדסמאַן חיים בעם ז"ל אין לאָס־אַנזשעלעס, צו שאַפן אַ סטיפּענדיע־פאָנד פאַר שילערס אויף זיין נאָמען.**

אַדוו' דוד אייזענבערג איז דער זון פון באַלטשע און ישראל אייזענבערג, געבוירן אין לובלינער געטאָ אין יאָר 1942, אַן אייניקל פון קדוש משה אייזענבערג הי"ד.

# תודתנו מקרב לב לידידנו ובן־עירנו

## ישראל הימלבלוי

עבור עדכון הכרטסת של ארגון יוצאי לובלין בישראל, המונה כ־700 כתובות, עם מיקוד, מספר הטלפון וכו'.

העבודה שנעשתה בהתנדבות, היא מושלמת, מקצועית ונקיה.

יישר כוחך!

**ועד ארגון יוצאי לובלין בישראל**

# ארגון יוצאי לובלין בישראל

## דו"ח הכנסות והוצאות מ־1.9.80 עד 30.9.81

### הוצאות

| | בשקלים |
|---|---|
| מענקים לנצרכים | 22.900.— |
| מענקים להוצ' ספרים | 5.500.— |
| ע"ח חוברת „קול לובלין" | 5.950.— |
| החזקת מצבה | 850.— |
| תרומות למוסדות | 1.000.— |
| להתאחדות עולי פולין | 425.— |
| אולמות וכבודים | 2.126.— |
| צלומים | 633.— |
| דואר, בולים | 2.535.— |
| משרדיות ושונות | 5.791.— |
| | 48.710.— |
| עודף הכנסות | 171.420.— |
| | 220.130.— |

### הכנסות

| | | בשקלים |
|---|---|---|
| תקבולים בשקלים | | 48,888.— |
| „ בדולרים | 10091.39 | 138,252.— |
| רבית על פקדונות | | |
| בדולרים | 614.58 | 8,420.— |
| רווח ממכירת נירות ערך משנים קודמות | | 24,570.— |
| ס"ה הכנסות | | 220,130.— |

### אקטיב

| | | בשקלים | |
|---|---|---|---|
| רכוש | | | |
| חדר לובלין (עלות) | | 6,000.— | |
| ציוד וריהוט משרדי | | 3,000.— | 9,000.— |
| בבנק הפועלים | | | |
| בשקלים | | 5,196.— | |
| בדולרים | 19,717.74 | 270,133.— | |
| בבנק הדואר | | 250.— | 275,579.— |
| | | 284,579.— | |

### פסיב

| | | בשקלים |
|---|---|---|
| יתרה ל־1.9.80 | | |
| כולל רכוש | | 71,898.— |
| בדולרים | 3,011.77 | 41,261.— |
| עודף הכנסות | | 171,420.— |
| | | 284,579.— |

**דוד שטוקפיש**
יו"ר הארגון

**מתתיהו הורן**
מזכיר הארגון

**יוסף רחמן**
גזבר הארגון



## אברהם בידערמאַן ז"ל

די משפחה, חברים און פריינד דערמאָנען מיט טרויער די ער־שטע יאָרצייט נאָכן טויט פון אונדזער בן־עיר **אברהם בידער־מאַן** (פון טשעכיוו), נפטר גע־וואָרן אין בת־ים.



## שיע ראָזענבוש ז"ל

מיט צער און טרויער דערמאָנען מיר אונדזער ברודער, שוואָגער און פעטער שיע ראָזענבוש, אַ קרבן פון די דייטשישע רציחות אין בעלגיע.

שיע ראָזענבוש איז געבוירן אין לובלין, אין יאָר 1904. אין עלטער פון 25 יאָר עמיגרירט ער קיין בעלגיע, צוזאַמען מיט זיין פרוי הדסה, פון דער היים גרינפעלד. מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווערט ער מיט זיין פרוי און צוויי קינדער אינטער־נירט אין מאַלין און פון דאָרט טראַנספּאָרטירט קיין אוישוויץ, ווו זיי זענען אומגעקומען

זאָלן די ווערטער זיין אַ יאָר־צייט־ליכט אויפן אומבאַקאַנטן קבר פון אַ טייערן ייד.

די משפחות:

**ראָזענבוש, וויעזשכאָווסקי, בראָט־שטיין, האָרוויץ און שטאָקפיש**

**פאַר.־שטאַטן, בעלגיע, ישראל**

# ווער און מיט וויפל האט זיך באשטייערט פאר דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל

(פון אָקטאָבער 1980 ביז אָקטאָבער 1981)

לובאַ און משה קאָרן (פאַר נויטבאַדערפטיקע לובלינער משפחות) 16.000 שקל

### אין דאָלאַרן

| | | |
|---|---|---|
| ירושה פון פאַרשטאָרבענעם ס. בעס ז״ל, לאָס־אַנזשעלעס | 6.720 | דאָלאַר |
| צעשע און סימאָן זיידענוועוג | 500 | ״ |
| לובלינער און אומגעגנט לאַנדסמאַנשאַפט, טאָראָנטאָ | 500 | ״ |
| איזאַק עהרענבערג (געזאַמלט אין 3 בענק אין ל.־אַנזשעלעס) | 365 | ״ |
| משה לעווינסאָן, ניס | 300 | ״ |
| לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַרגענטינע | 200 | ״ |
| פאַמיליע פישמאַן, לאָס־אַנזשעלעס | 200 | ״ |
| לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, מאָנטרעאָל | 190 | ״ |
| לעאָ מיטעלמאַן, בוענאָס איירעס | 190 | ״ |

### 100 דאָלאַר

שלמה זינשטיין, ניו־יאָרק; מאָטל גאַרטענקראַוט, ניו־יאָרק.

### 75 דאָלאַר

לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, מאָנט־רעאָל.
יוסף שנור, לאָס־אַנזשעלעס.

### 70 דאָלאַר

פאָלע מאַרגוליס־דרייבלאַט, ניו־יאָרק.

### 60 דאָלאַר

לעאָ אָבער, לאָס־אַנזשעלעס.

### 50 דאָלאַר

פרעד עוויס, ל. אַנזשעלעס; ל. גוטגליק, ל. אַנזשעלעס; ראובן ראָסעט, סאַן־פאַולאָ; בראַניע עקהאַוס, מעלבורן; זעליג וואַסערשטרום, ניו־יאָרק; של־מה מושקאַט, פאַריז; פאַמיליע נאַש, סידני; שמואל זילבערשער, מעלבורן; יעקב ווייצענפעלד, מיאַמי.

### 40 דאָלאַר

דזשוידי דזשאָזעף, ניו־יאָרק.

### 30 דאָלאַר

רוזשקע און יצחק שניידמאַן, געטע־באָרג; בערנערד פרים, ל. אַנזשעלעס; שרה און סעם ברייטער, מאָנטרעאָל.

### 25 דאָלאַר

ר. ראָזענבערג, לאָס אַנזשעלעס; רע־גינע זאַיאָן, ל. אַנזשעלעס; בעטי עלבאַום, ל. אַנזשעלעס; מ. ראָזענסאָן, לאָס־אַנזשעלעס; נפתלי זימעלשטערן, מאָנטרעאָל.

### 20 דאָלאַר

יוסף פאַכצאַש, סידני; לעאָן שערמאַן, לאָס־אַנזשעלעס; מענדל מילשטיין, סאַן־פראַנציסקאָ.

### 10 דאָלאַר

עוואַ און נאַטעק אַקערמאַן, שטאָק־האָלם; לאָזער גאָלדבוים, סאַן־פאַולאָ.

### אין פראַנצויזישע פראַנק

פאַרייניקטע קינדער פון לובלין — 1,000; גיטעלע און יידל עדעל — 200; משה זאַלצמאַן — 100.

### אין שוועדישע קראָן

ה. קאַמיען, געטעבאָרג — 100.

★

### אין ישראלדיקע שקלים

(נאָר פון 100 שקל און מערער)

מאָטל גאַרטענקראַוט (נ.י.) — 5,000; שושנה נשרי־אָזשעל — 1,000; של־מה פייעראייזן — 500; שמואל שפי־רא, פאַריז — 400; רות און יהושע גולדברג — 400; יהושע ווייספיש — 450; נחמן גורפינקעל (דיסעל־דאָרף) — 200; יעקב פלדמאַן — 200; נתן גרין (ניו־יאָרק) — 200; טעשקע פאַרשטעטער (פאַריז); ש. מושקאַט (פאַריז) — 150.
צו 100 שקל: מ. ראָזנבלום (פאַריז), צ. שפייזמאַן (ניו־יאָרק); חיים שביט; משה רובינשטיין; יוסף ראָכמאַן; רחל בלאַנק; רחל טאַובער; רוזשקע קאָרן.

## די אזכרה נאָך די קדושים פון לובלין

וועט פאָרקומען מיטוואָך 25.11.81, 7 אָוונט אין בית העמלין אין תל־אביב, ווייצמאַן 30.

דער זאַל וועט זיין אָפן פון 6 אָוונט.

אין פראָגראַם:

אַנצינדן זעקס ליכט — ניצול געוואָרענע פון דער שואה.

יזכור — תלמידים פון דער שול וואָס האָט אַדאָפּטירט די לובלינער קהילה.

„אל מלא רחמים" און „קדיש" — חזן יעקב סאַמעק.

צום אָנדענק פון די פאַרשטאָרבענע — מתתיהו האָרן.

יידישע געשטאַלטן פון לובלין — בנימין לובעלסקי.

פאָרזיצער — דוד שטאָקפיש.

the guerillas was a Jewish partisan company under Captain Jechiel Grynszpan. Until the liberation of Warsaw in january 1945, Lublin served as the temporary Polish capital. Several thousand Jews, most of whom survived the holocaust in the Soviet Union, settled in Lublin, but the majority of them left during the years 1946-50 due to the Polish population. A club of great part of the Polish population. A club of the Jewish Cultural Society was still functioning in the city until 1968, when all the remaining Lublin Jews left Poland.

children was carried on as a clandestine operation.

In march 1941 the Nazis ordered a partial evacuation of the Jews in preparation for the offical establishment of the ghetto. About 10,000 Jews were driven out to villages and towns in the area in the period between march 10 and april 30, 1941, and at the end of march the ghetto was created, with a population of about 34,000. On april 24, 1941, exit from the ghetto was restricted.

At the beginning of 1942, when the extermination campaign entered its decisive stage, the Jews of Lublin were among its first victims. Their deportation began on march 16, and in its course 30,000 Jews were despatched to the death camp at Belzec or were murdered on the way. The rate of deportation was fixed at 1,500 per day, and attempts by the Jews to hide were of no avail. The remaining 4,000 Jews were taken to Majdan Tatarski, where they lived for a few more months under unbearable conditions. On sept. 2, 1942, 2,000 Jews were murdered, as were another 1,800 at the end of october. Some 200 survivors were sent to the Majdanek Death Camp.

Lublin was also the site of a prisoner-of-war camp for Jews who served in the Polish army The first prisoners arrived in february 1940. Those who came from the area of the general government were set free, but some 3,000 whose homes were in the Soviet-occupied area or in the districts incorporated into the Reich, remained in detention. The Judenrat tried to extend help to the prisoners, and there was also a public committee which provided the inmates with forged documents in order to enable them to leave the camp. When the Germans stepped up the extermination campaign, there were some attempts to escape from the camp, to which the Germans responded by imposing collective punishment upon the prisoners. Nevertheless, there were continued efforts to obtain arms, and some prisoners succeeded in escaping to the nearby forests, where they joined the partisans; some of the escaped prisoners assumed enior command posts in the partisan units. On nov. 3, 1943, the last group of prisoners was deported to Majdanek.

On july 24, 1944 the Red Army liberated Lublin. The next day Polish Regular Army and Guerilla Units entered the city. A few thousand Jewish soldiers served in those units, and among

Hadassa Cymerman

# MY KADDISH

**But the horrid storm**
**like a vicious, blood-thirsty beast**
**without mercy and commiseration**
**tore up and devoured my dreams**
**and annihilated my world.**
**Today, I want to say Kaddish.**

**I will stand before the altar with a**
**talis woven from ashes and smoke**
**on my shoulders.**
**I will say Kaddish**
**with a voice so loud, so mighty,**
**that the foundations of the Universe**
**will shudder and quake.**

**My voice will be so powerful**
**and so dreadful**
**that the seven heavens**
**will rend and split asunder...**
**I will then call upon the Creator**
**of all living.**

**And ask Him to be the tenth...**
**And let Him say AMEN...**
**Today I want to say Kaddish!**
**For the lost Ten Tribes**
**and for the devastated locations**
**of my birthplace.**

**Today I want to say Kaddish**
**for my world which was**
**inhumanly and breastly devoured**
**and lies under**
**heaps of ashes and mire.**

**Today, I want to say Kaddish**
**for the garden of my youth**
**and for the forest of my dreams.**

**Both of them were utterly destroyed.**
**The garden became a graveyard**
**and the forest burned to ashes.**

**Woe to me!**
**I used to sit under the shades**
**of the twiggy fire**
**and the fragrant breezes**
**caressed and fondled me.**

KOL
VOICE OF **LUBLIN**

ANNUAL OF LUBLINERS IN ISRAEL AND DIASPORA

„LUBLINER SHTIME" • TEL-AVIV • NOVEMBER 1981 • No. 16

# OUR CITY

Lublin, city in E. Poland, center of the district of the same name. In the 16th and 17th centuries Lublin was famous for its Fairs. Annexed by Austria in 1795, it was incorporated in Russian Poland in 1815. From 1918 to 1939 it was in Poland and from 1939 to 1945 under German occupation; after World War II it was again in Poland.

Jews were first mentioned as transients in Lublin in 1316. In the second half of the 16th century the Community was given land for its institutions and for a cemetery. The Jews were allowed to set up movable stalls for shops but not to erect buildings. In 1602 there were 2,000 Jews in Lublin.

Tensions in the 16th to 18th centuries were aggravated whenever the Polish High Court convened in Lublin, especially when trying a blood libel case, The Court hearings were then followed by attacks on the Jews; some were murdered and their property stolen. If the high court sentenced the accused Jew to death the Maharshal shul Synagogue, and elders of the Kehillan and other Jews had to attend. An execution was often followed by an attack on the Jewish Quarter. Like the whole of Jewry in Poland-Lithuania, Lublin Jews suffered greatly during the Chmielnicki uprisings in 1648-49. Another period of hardship followed in the second half of the 18th century with the distntegration of the Polish State. In spite of hardships, the Fairs and Yeshivah of Lublin became central in Jewish Communal and cultural life in Poland. The first known Rabbi of Lublin was Jacob B. Joseph Pollak. Lublin Communal Institutions included a well-organized Chevra Kaddisha and a "Preacher's House" whith provided visiting preachers with food and lodging. The fortified Maharshal Shul, the most formous Synagogue in Lublin, was built in 1567. It burned down in the great fire of 1655 but was later rebvilt.

Chasidism played a prominent role in Lublin, mainly through the influence of the local Tsaddikim, such as Jacob Issac Ha-chozen ("The Seer") of Lublin, and the Eiger Dynasty from the middle of the 19th century. At the same time some of the Community Rabbis strongly opposed the Chasidim, particularly Azriel Horovitz (late 18th century) and Joshua Heshel Ashkenazi. In the 19th century traditional education in the Cheder and Yeshivah continued, Although Lublin lost its communal and cultural prominence with the abolition of the councils of the councils of the lands. From the second half of the 19th century, the first Jewish Schools with instruction in Russian or Polish were founded. In 1897 the first hebrew school was opened.

At the beginning of 1941 the Jewish population of Lublin was about 45,000, including some 6,300 refugees. The city was captured by the Germans on sept. 18, 1939. In the very first days of the apartments, physically assaulted, and put on forced Labor. Some Jews were taken as hostages, and all the men were ordered to report to Lipowa Square, where they were beaten. For a while, the Nazis entertained the idea of turning the Lublin district into a Jewish reservation for the concentration of the Jews from the German-occupied parts of Poland and some other areas incorporated into the Reich.

The existing Jewish Community council remained in office until jan. 25, 1940, when the Judenrat was appointed. During the first period of its existence, the Judenrat did not confine itself to the execution of Nazi orders but initiated a number of projects designed to alleviate the Harsh conditions. Public kitchens were established and provided meals for the local poor and the refugess; the ghetto was divided into a number of units for the purpose of sanitary supervision, each unit run by a doctor and several medical assistants. There were also two hospitals with a total of over 500 beds and a Quarantine area in the Maharshal Shul with 300 beds. Hostels were established to house abandoned children, but the Judenrat did not succeed in reestablishing the Jewish school system, and the schooling that was available to

teatrnn.pl

ל מר יהודה זיטומירסקי

ליום הולדתך
אנו שולחים לך
את ברכותינו
הלבביות ואחולינו
לבריאות טובה
אושר ואריכות ימים

מנורה
חברה לאחריות ובטוח משנה בע"מ

מנהל כללי

